STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06622

KONOVALOV

Maksim Gorky

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין ענגלאנד 5 פענס. אין אמעריקא 10 סענט.

קאנאוואלאוו

פון

מאקסים גארקי.

1906.

פערלאג פון ב. רודערמאן 71 הענבורי סט. לאנדאן איסט.

לעמאנס דרוקעריי, 166 קאמערשעל רויד איסט.

1132

ווען איך האָב אַ מאָל אַ קוק געטאָהן אין אַ צייטונג, האָט זיך מיין בליק פלוצלונג אָבגעשטעלט ביי דעם נאָמען קאָנאָוואַלאָוו, און וויל דיזער נאָמען איז מיר בעקאַנט געווען, האָב איך מיר אינטערעסירט פאַר די בעטרעפענדע נאָטיץ, און איך האָב אָנגעהויבען צו לעזען;

„נעכטען ביי דער נאַכט האָט זיך אין דער געמיינשאַפטליכער קאַמער פון דעם היגען געפענגניס אַ געוויסער אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש קאָנאָוואַלאָוו אויפגעהאַנגען, אַ קליינבירגער פון דער שטאָט מוראם. דער זעלבסט-מערדער, אַ מאַן פון אַ יאָהר 40, איז אין פסקאוו אַרעסטירט געוואָרען אַלס אַ בראָדיאַגע און די פאָליציי האָט איהם צוריק געשיקט אין זיין געבורטס-שטאָט לויט די אויסקינפטע פון דער געפענגניספער־וואַלטונג איז קאָנאָוואַלאָוו געווען אַ רוהיגער, שווייגזאַמער מענש, וועלכער האָט ליב געהאַט צו טראַכטען. נאָך דער מיינונג פון׳ם געפענגניס-דאָקטאָר איז מעלאַנכאָליע געווען די אורזאַכע פון דעם זעלבסטמאָרד.“

איך האָב געלעזען דיזע קורצע נאָטיץ, וואָס איז געדרוקט אין קליינע בוכשטאַבען — די צייטונגען דרוקען די מיטהיילונגען, וועלכע בעהאַנדלען דעם טרויריגען שיקזאַל פון געוועהנליכע מענשען־קינדער שטענדיג אין קליינע בוכשטאַבען — איך האָב געלעזען דיזע ווייניגע ווערטער, און האָב געזאָגט צו מיר אַליין, דאָס איך וואָלט אפשר בעסער געווען אימשטאַנדע צו ערקלערן די אורזאַכען פון קאָנאָוואַלאָווס זעלבבסט־מאָרד, ווי דער אַרצט האָט עס געטהאָן. איך בין נעמליך בעקאַנט געווען מיט איהם און האָב זאָגאַר אַ לענגערע צייט געלעבט מיט איהם צוזאַמען. פיליכט איז עס זאָגאַר אַ מאָראַלישע פפליכט פון מיר געווען, צו געבען אַזאַ ערקלע־רונג, דען קאָנאָוואַלאָוו איז געווען אַ וואונדערבאַרער מענש, וואס מען קען אזעלכען ניט געפינען יעדען טאָג.

איך בין אַלט געווען 18 יאָהר ווען איך האָב זיך צום ערשטען מאָל מיט איהם בעגעגענט, איך האָב דאַן געאַרבייט אין אַ בעקעריי אַלס אַ מיטהעל־

פער פון אן ארבייטער דער ארבייטער איז געווען א געוועזענער סאלדאט וועלכער האט געדינט אלס מוזיקאנט, ער איז געווען א גרויסער ליבהאבער פון א שנעפסעל, האט אפט פערדארבען דאס טייג, און ווען ער איז שכור געווען, האט ער אויסגעפייפט פערשידענע מעלאדיען אדער ער האט אויסגעקלאפּט א מארש מיט די פינגער, ווען דער ב"ה פון דער בעקעריי האט איהם געמאכט פארווירפע, וואס ער האט פערדארבען דאס טייג אדער ווייל די ברויט איז ניט פארטיג געווארען צו דער צייט איז ער ווילד געווארען ווי א טייוועל און האט אנגעהויבען צו שעלטען אויף וואס די וועלט שטעהט: דערביי האט ער יעדעס מאל שטאלצירט מיט זיינע מוזיקאלישע טאלענטען׳

„וואס, דאס טייג איז פערדארבען?" האט ער א געשריי געטהאן און די וואנצעס האבען זיך איהם אויפגעשטעלט פון אויפרעגונג. „דאס ברויט איז ניט אויסגעבאקען? אך, דו פערשאלטענער הונד וואס דו ביזט! זאל דיר כאפען דער רוח! בין איך דען איבערהויפּט געבארען געווארען, צו טהאן אזא שמוציגע ארבייט? זאל דיר כאפען דער קלאג, צוזאמען מיט דיין ארבייט! איך בין א מוזיקאנט, פערשטעהסטו מיר? אך, וואס פאר א קעריל איך וואר, ווען איך בין נאך ביי'ן מיליטער געוועזן! ווען דער ערשטער טרומפעטער איז בעטרונקען געווא־ען, דאן האב איך געשפּילט די ערשטע טרומפעט! ווען דער צווייטער טרומפעטער איז אין טורמע געזעסען, אדער ווען דער פלייטען־שפּילער איז פלוצלונג קראנק געווא־ען. ווער איז געווען אימשטאנדע, צו פערנעהמען זיין פלאץ. איך בין עס געווען, איך לוטשקאוו! צו בעפעהלען מיין הער! טי-טא־-רא-רא-רי! פערשטעהסטו מיר דו חמור קאפּ! דו אלטער לומפּ, דו רעדסט נאך א ווארט, און איך לאז דיר זיצען מיט דיין ארבייט און געה מיר אהיים!"

דער מייסטער, א דיקער אויפגעבלאזענער מענש מיט א פאר קרומע אויגען און א פעטע, ווייבערשע געזיכט, האט זיך געווארפען מיט זיין דיקען בויך און האט געטופעט מיט זיינע קורצע, דיקע פיס, שרייענדיג מיט א ווייבערשער שטימע:

„גרויסער קאליקע וואס דו ביזט! טויגעניכטס! פוילענצער! אך, ווארום האט מיר דער אויבערסטער געדארפט שטראפען מיט אזא מענשען!"

און אויפהויבענדיג די הענט צום הימעל, האט ער פלוצלינג א געשריי געטהאן דאס עס האט מיר געריסען די אויערן:

„און וואס מיינסטו, ווען איך זאל רופען די פאליציי און זאל דיר לאזען ארעסטירען?"

„וואס מיר ארעסטירען, מיר, וואס האט געדיענט דעם קייזער?" האט דער סאלדאט געשריגען, און אויסשטרעקענדיגביידע קולאקעס איז ער

צוגעלאָפֿען צום מייסטער, וועלכער האָט נאָך אַ שפּיי געטהאָן אויף איהם און איז שנעל ענטלאָפֿען געוואָרען.

דאָס איז אַלעס, וואָס ער האָט געקענט טהאָן, דען עס איז געוועזען זומער און עס איז שווער געוועזען צו בעקומען אין דיזער צייט אַ ריכטיגען בעקער אין די קליינע שטעדטלעך אַן דער וואָלגאַ.

אַזעלכע סצענען האָבען זיך אָבגעשפּילט כמעט יעדען טאָג. דער סאָלדאַט האָט זיך בעטרונקען, האָט פֿערדאָרבען דאָס טייג און אויסגעפּייפֿט זיינע מאַרשען אָדער „נומערען" ווי ער האָט דאָס אָנגערופֿען. דער מייסטער האָט געקריצט מיט די ציינער און איך האָב געמוזט אַרבייטען פֿאַר צוויי: קיין פֿאָרטהייל איז דאָס פֿאַר מיר ניט געוועזען, אָבער צום וויינִיגסטען האָב איך מיר גוט אָנגעאַרבייט דערביי.

עס האָט מיר דערפֿאַר ניט ווייניג פֿערגניגען פֿערשאַפֿט, ווען איז אַ שעהנעם טאָג האָט זיך אָבגעשפּילט צווישען דעם מייסטער און דעם סאָלדאַט די פֿאָלגענדע סצענע:

„נו סאָלדאַט, האָט דער מייסטער אָנגעהויבען צו ריידען און זיינע פֿערגאָסענע אויגעלעך האָבען געגלאַנצט פֿון גרויס פֿריידע. „דו קענסט יעצט אויספּייפֿען דעם אָבשיעדס-מאַרש, פֿערשטעהסטו מיר!"

„וואָס זאָל איך?" האָט דער סאָלדאַט געפֿרעגט מיט אַן אונצופֿריעדענער שטימע, ליגענדיג אויף דעם גרויסען טייג-קאַסטען, האַלב אָנגעשיכּורט ווי געוועהנליך.

„מאַך דיר פֿאַרטיג צום אָבמאַרשירען, הערר קאָפּאָראַל!" האָט דער מייסטער שטאָלץ געענטפֿערט.

„וואוהין זאָל איך דען מאַרשירען?" האָט דער סאָלדאַט אַ פֿרעג געטהאָן, אויפֿהויבענדיג דעם קאָפּ, דען עס איז איהם פּלוצלינג ביטער געוואָרען אויף׳ן האַרצען.

„וואוהין? וואוהין דו ווילסט נאַר! געגען דעם טערק, אָדער — אויב עס וועט דיר בעסער געפֿעלען ווערען—געגען דעם ענגלענדער..."

„ווי זאָל איך דאָס פֿערשטהען?" האָט דער סאָלדאַט אַ צאָרניגען געשריי געטהאָן.

„ווי דו זאָלסט עס פֿערשטעהען? קיין שטונדע קענסטו מעהר ניט בלייבען אין מיין הויז! קום אַרויף, נעהם דיין לאָהן און געה צו אַלע שוואַרץ יאָהר... פֿאָרוועטס, מאַרש!"

דער סאָלדאַט, וועלכער האָט געוואוסט, אז דער מייסטער קען ניט געפֿינען קיין אַנדער אַרבייטער, האָט זיך שטענדיג געפֿיהלט אַלס אַ גאַנצער קנאַקער, דערפֿאַר זיינען איהם דיזע ווערטער גאָר ניט געפֿעלען

געוואָרען, דען ער האָט זעהר גוט בעגריפען, דאָס פאַר אַזאַ בעקער. ווי ער איז געווען, איז ניט לייכט צו געפינען אַ נייעם פלאַץ.

„נאַ, דו מאַכסט דאָך נאָר שפּאַס פון מיר, וואָס?" האָט ער געענטפערט, אָבער זיין שטימע איז ניט מעהר געווען אַזוי זיכער ווי געוועהנליך.

„ניין, געוויס ניט!" האָט דער מייסטער געענטפערט.

„איך זאָל מיר אַלזאָ ווירקליך אַוועקטראָגען פון דאַנען?"

„פערשטעהט זיך! גיכער, גיכער!"

„דו האָסט מיר אַלזאָ שוין גענוג אויסגעשונדען!" האָט דער סאָלדאַט אויסגעגאָסען זיין ביטערע האַרץ אויף איהם. „דו האָסט מיר אויסגעזויגען דאָס בלוט אויס די אָדערען, און יעצט שיקסטו מיר אַוועק! זעהר קלוג פון דיר! זעהר שעהן! אַך, דו ערענדע פיאַפקע, דו..."

„וואָס, איך בין אַ פיאַפקע?" האָט דער מייסטער אַ געשריי געטהאָן.

„געוויס, אַ שמוציגע פיאַפקע ביזט דו!" האָט דער סאָלדאַט געשריען און אויז צוגעגאַנגען צו דער טהיר.

דער מייסטער האָט איהם נאָכגעשיקט אַ בייזען קוק און זיינע קליינע אייגען האָבען געבלישצעט פון צופרידענהייט.

„געה נאָר און פערזוך צו געפינען אַן אַנדער פלאַץ! הם — יאַ, מיין טייבעלע — איך האָב דיר גוט אָבגעטהאָן. און ווען דו ווילסט אפילו אַרבייטען אומזיסט, וועט דיר קיינער ניט נעהמען. ניין, קיינער וועט דיר ניט נעהמען, דאָס האָב איך געמאַכט, טייוועל איינער!"

„האָט איהר דען שוין געפונען אַ נייען בעקער?" האָב איך אַ פרעג געטהאָן.

„אַ נייען? געוויס — אייגענטליך איז דאָס אַן אַלטער, ער האָט נעמליך פריהער שוין געאַרבייט ביי מיר. אַך, וואָס פאַר אַ בעקער דאָס איז — דאָס ריינע גאָלד, נאָר לײדער האָט ער אייך ליעב צו שיכורן צייטענווייז... אָבער ווען ער קומט און שטעלט זיך צו דער אַרבייט, אַרבייט ער אָב דריי ביז פיער מאָנאַט ווי אַ בער. ער ווייס ניט פון קיין שלאָף, ניט פון קיין אָברוהען זיך, ער קוקט ניט אויף דעם לאָהן, וואָס מען גיט איהם, דאָס נעהמט ער, און זינגען קען ער אַך, מיין ליעבער, וואָס פאַר אַ זינגער דאָס איז! דאָס האַרץ ווערט פערבלוטיגט, צו הערענדיג זיינע לידער. ער זינגט און זינגט און פלוצלונג פאַנגט ער ווידער אָן צו טרינקען."

דער מייסטער האָט אַ טיפען זיפץ געטהאָן און האָט געמאַכט אַ בעוועגונג מיט'ן האַנד.

„און ווען ער פאַנגט אָן צו טרינקען, דאַן גיט עס פאַר איהם מעהר קיין אָבהאַלט ניט. ער טרינקט אַזוי לאַנג, ביז ער ווערט קראַנק אָדער

ביז ער האָט פֿערטרונקען דאָס העמד פֿון לייב... און נאָכדעם ווערט ער פלוצלונג פֿערשוואונדען, דען ער שעמט זיך. אָבער דאָ קומט ער שוין נאַ, סאַשקאַ, דו בלייבסט אַלוּאָ יעצט ווידער ביי אונז?"

„געוויס!" האָט זיך דערהערט פֿון קאָרידאָר אַ טיפֿע מענער-שטימע.

אין דער אָפֿענער טהיר איז ערשינען אַ גרויסער ברייטברוסטיגער מאַן פֿון אַ יאָהר דרייסיג. נאָך זיין קליידונג נאָך איז ער געווען דער ריכטיגער טיפּ פֿון אַ רוסישען בראָדיאַגע און אין זיין געזיכט און געשטאַלט האָבען זיך אָבגעשפּיגעלט אַלע אייגענטהימליכקייט פֿון דער סלאַווישער ראסע. ער האָט געטראָגען אַ רויטע ציצענע העמד און אַ פּאָר לייוואַנדענע הויזען. דאָס העמד איז געווען פֿול מיט לעכער און איז געוועזן זער שמוציג. אויף איין פֿוס האָט ער געטראָגען אַן אַלטען קאַלאָש, אויף דעם אַנדערען אַ צוריסענעם לעדערנעם שטיוועל.

זיינע בלאָנדע האָר זיינען גאַנץ צוזאַמענגעפֿלאָכטען געווען און פֿול מיט שטיקלעך שטרוי און פּאַפּיר: אויך זיין פּראַכטפֿאָלער בלאָנדער באָרד, וועל-כער האָט זיך ווי אַ פֿעכער אויסגעברייט איבער זיין ברוסט, איז עהנליך דעקאָרירט געווען. אין דעם בלאַסען, מידען געזיכט האָבען געבלישטשעט אַ פּאָר גרויסע, טרוימערישע אויגען, וועלכע האָבען מיר אָנגעקוקט מיט אַ פֿריינדליכען שמייכעל. אויך זיינע שעהנע, עטוואָס בלאַסע ליפּען האָ-בען שטיל געשמייכעלט אונטער דעם בלאָנדען באָרד, פּונקט אַזוי ווי ער וואָלט צו אונז געזאָגט: „אַזוי בין איך, האָט קיין פֿאַריאַבעל ניט אויף מיר..."

„קום נאָר אַהער, סאַשקאַ", האָט דער מייסטער אַ זאָג געטהאָן, וואַרפֿענדיג אַ צופֿרידענעם בליק אויף די ריזען-געשטאַלט פֿון דעם נייען בעקער: „דאָס איז דיין מיטאַרבייטער!" קאָנאָוואַלאָוו איז שטילשווייגענדיג צוגעגאַנגען צו מיר און האָט מיר דערלאַנגט זיין ברייטע גרויסע ריזען-האַנד צום גרוס. דאַן האָט ער זיך געזעצט אויף אַ באַנק, האָט אויסגעשטרעקט די פֿיס און קוקענדיג אויף זיינע צוריסענע שיך, האָט ער געזאָגט צו דעם מייסטער:

„הער נאָר, ניקאָלאַי ניקיטיטש, קויף מיר אַ פּאָר העמדער, איך זאָל זיי קענען צוויי מאָל אַ וואָך איבערבייטען, אַ פּאָר נייע שיך — און בעזאָרג מיר לייוועגט פֿאַר אַ היטעל...

דו וועסט אַלעס האָבען, האָב נאָר קיין מורא ניט! אַ היטעל גיב איך דיר שוין: העמדער און הויזען וועסטו בעקומען היינט אויף דער נאַכט. נו ריהר זיך צו צו דער אַרבייט — איך ווייס דאָך ווער דו ביסט. עס וועט דיר גאָר ניט פֿעהלען ביי מיר ... קיינער וועט סאַשקאַ קאָנאָוואַלאָוו קיי

שלעכטעס ניט טהאָן, ווייל ער טהוט אויך אַנדערע קיין שלעכטעס איז דען אַ מייסטער א ווילדע חיה? איך האָב אַליין שווער און ביטער גע־האָרוועט און ווייס ווי ביטער עס קומט אָן דאָס לעבען... נו קינדערלעך, האָט זיך אַ גוטען טאָג, איך מוז יעצט אַוועק געהען ..."

מיר זיינען איבערגעבליבען אַליין. קאָנאָוואַלאָוו איז שטיל אויף'ן באַנק געזעסען, זיינע פריינדליכע אויגען האָבען זיך אַרומגעקוקט אין דער בע־קעריי, וועלכע איז געווען אין אַ נידריגען קעלער און פון די דריי פענ־סטער האָט מען נאָר געקענט אַרויסזעהן קליינע שטיקלעך שויבען פון דער גאַס. עס איז ווייניג ליכט און לופט אַריינגעקומען, דער פאַר איז געווען מעהר נאַסקייט, שמוץ און מעהל־שטויב, נעבען דער וואַנד איז געשטאַנען אַ פאַר לאַנגע קאַסטענס: אין איינעם איז געלעגען דאָס פאַרטיגע טייג, אינם צווייטען האָט דער טייג נאָך געיערען און דער דריטער איז געווען ליידיג אין גאַנצען. אויף יעדען פון די דריי קאַסטענס איז פון'ם פענסטער געפאַלען אַ מאַטער שיין. דער גרויסער אויווען האָט כמעט פערנומען דעם דריטען טהייל פון דער בעקעריי. נעבען דעם אויווען, אויף דער שמוצי־גער ערד זיינען געשטאַנען זעק מיט מעהל. אין אויווען האָט עס געברענט ווי אין גיהנם. אויף דער גרויער וואַנד פון דער בעקעריי האָבען זיך אָב־געשפינעלט די ציטערנדע פלאַמען, פונקט ווי זיי וואָלטען זיך געוואָלט עטוואָס דערצעהלען אויף שטום־לשון. אין דעם פערשטיקטען קעלער האָט זיך געהערט אַ שטאַרקער גערוך פון זויערטייג און נאַסקייט. די פעררוי־בערטע סטעלי האָט געמאַכט אַ פינסטערען, טרויריגען איינדרוק און די אויגען האָבען אָנגעהויבען וועה צו טהון פון דעם מאַטען ליכט פון דער גאַס וועלכעס האָט זיך פערמישט מיט דעם שיין פון אויווען. פון דרויסען האָט זיך געהערט דער אונבעשטימטער גערויש פון דער גאַס און דורך די פענסטער איז אַריינגעפלויגען דער שטויב. קאָנאָוואַלאָוו האָט אַלעס בעטראַכט, אַ שווערער זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסען פון זיין ברוסט און זיך צוקעהרענדיג צו מיר האָט ער געפרעגט מיט אַ טרויעריגע שטימע.

„דו אַרבייטס שוין דאָ אַ לאַנגע צייט?"

איך האָב איהם אַלעס דערצעהלט, דאַן זיינען מיר ווידער ענטשוויגען געוואָרען און האָבען אונז בעטראַכט פון דער זייט.

„אַ ריכטיגע געפענגניס," האָט קאָנאָוואַלאָוו אין אַ ווילע אַרום אַ זיפץ געטהאָן. „קום, לאָמיר אַביסעל געהן אין גאַס און זיך זעצען אויף אַ ווילע ביי דער טהיר,"

מיר זיינען אַרויפגעגאַנגען און האָבען אונז געזעצט אויף אַ באַנק נעבען טהיר.

„היער קען מען וויינינגסטען כאַפּען אַביסעל פֿרישע לופֿט. ס'וועט מיר אָנקומען זעהר שווער, זיך צו צוגעוואוינען צו דעם פינסטערען קעלער-לאָך. איך קען בשום אופֿן ניט! זאָג אַליין: איך קום יעצט פֿון ים, וואו איך האָב געאַרבייט צוזאַמען מיט די פֿישערס... מיט אַ מאָל בין איך אַריינגעפֿאַלען אין דאָס פֿערשאָלטענע לאָך ..."

ער האָט מיר אָנגעקוקט מיט אַ טרויעריגען שמייכעל און האָט געשוויגען, אין דער זעלבער צייט האָט ער אויפֿמערקזאַם בעטראַכט די פּאָר-בייגעהער און די וואַנגעס. אין זיינע בלויע, קלאָרע אויגען האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אַ טיפֿע טרויריגקייט.

עס איז געוואָרען נאַכט. די לופֿט אין גאַס איז געווען שטיקענד און פֿול מיט שטויב אין די סאָטענס פֿון די הייזער זיינען געפֿאַלען אויף דער ערד. קאָנאָוואַלאָוו האָט אָנגעשפּאַרט דעם רוקען צו דער וואַנד און האָט פֿערלעגט די הענט אויף דער ברוסט, שפּילענדיג מיט די פֿינגער אין די לאַנגע זיידען-ווייכע האָר פֿון זיין באָרד. איך האָב בעטראַכט פון דער זייט זיין לאַנגעס, בלאַסעס געזיכט און האָב מיר געפֿרעגט: „וואָס פֿאַר אַ מענש קען דאָס זיין?" אָבער איך האָב ניט געוואָגט צו איהם צו ריידען. דען ער איז געווען דער ערשטער אַרבייטער און אויסערדעם האָב איך געפֿיהלט אין מיר אַן אייגענטהימליכען רעספּעקט צו דיזעם מאַן.

אויף זיין שטערען האָב איך בעמערקט דריי קליינע קנייטשען, נאָר מאַנכעס מאָל זיינען זיי אין גאַנצען פֿערשוואונדען געוואָרען. איך בין זעהר נייגעריג געווען צו וויסען, איבער וואָס דער מענש קען נאָר אימער טראַכטען.

„לאָמיר אַראָבגעהען!" האָט ער געזאָגט נאָך אַווילע. „ס'איז צייט פֿאַרטיג צו מאַכען דאָס דריטע טייג. קנעט דו דעם צווייטען און איך וועל צורעכט מאַכען דעם נייען טייג. נאָכדעם וועלען מיר נעהמען דעם ערשטען און אויסמאַכען דאָס ברויט."

נאָך דעם ווי מיר האָבען אָבגעוואָגען דאָס ערשטע טייג, צוטהיילט אויף די שיסלען, דאָס צווייטע טייג אויסגעקנעטען און דאָס דריטע פֿאַרטיג געמאַכט צום יערען האָבען מיר זיך געזעצט טרינקען טהע. פלוצלונג האָט קאָנאָוואַלאָוו אַריינגעלעגט די האַנד אין זיין בוזים און האָט מיר געפֿרעגט:

„קענסטו לעזען? לעז דאָס מיר איבער!" ער האָט מיר געגעבען אַ צערקנייטשטעס, שמוציגעס שטיק פּאַפּיר און איך האָב אָנגעהויבען צו לעזען:

„געליבטער סאַשאַ! איך גריס דיר און קוש דיר פֿון דער ווייטענס. עס געהט מיר זעהר שלעכט און מיר איז אונמוטיג אויפֿ'ן האַרצען. איך

קען ניט אָבוואַרטען דעם טאָג, ווען איך קען אַוועקפאָהרען פון דאַנען און לעבען מיט דיר צוזאַמען. מיין גאַנצער יעצטיגער פערשאָלטען לעבען איז מיר שרעקליך מיאוס געוואָרען, אָבוואָהל איך בין א מאָל זעהר צופרידען געווען. דו בעגרייפסט עס אַליין זעהר גוט, און אויך איך האָב אָנגעהויבען צו בעגרייפען, זייט איך האָב מיר בעקענט מיט דיר. שרייב מיר — איך בעט דיר — ווי. אם גיכסטען. איך וואָלט זעהר געוואָלט פון דיר אַ בריוועל בעקומען. פאָרלויפיג אויף ווידערזעהען, מיין טהייערער לאַנגער באָרד, מיין טהייערע נשמה. איך וויל דיר ניט מאכען קיינע פאָרווירפע, אָבוואָהל איך בין שטאַרק אין כעס געווען אויף דיר, חזיר איינער ווייל דו ביזט אַוועקגעפאָהרען און האָסט זיך מיט מיר ניט געזעגענט. אָבער זאָגסט ביזט דו אימער גוט צו מיר געווען: דו ביזט געווען דער ערשטער, וועלכער האָט מיר אַזוי פיין בעהאַנדעלט. איך וועל עס קיינמאָל ניט פערגעסען. איז גאָר ניט מעגליך, סאַשאַ, איך זאָל אַרויסקומען פון דאַנען? די אַנדערע מיידלעך האָבען דיר אפילו דערצעהלט, דאָס איך וועל ענטלויפען פון דיר, ווען דו וועסט מיר בעפרייען, גלויב עס ניט, סאַשאַ, עס איז אַ ליגען; ווען דו וועסט מיר אַרויסנעהמען פון דאַנען, וועל איך דיר געטריי זיין ווי אַ הינטעל. דו קענסט עס טהאָן סאַשאַ, פאַר דיר איז עס אַ לייכטע זאַך, אָבער מיר אַליין וועט עס שווער אָנקומען. ווען דו ביזט ביי מיר געווען, האָב איך געוויינט, וואָס איך בין געצוואונגען אַזוי צו לעבען, איך האָב דיר אפילו ניט דערצעהלט, אָבער דו קענסט מיר גלויבען. אויף ווידערזעהען! דיין קאַפוטאָלינאַ.״

קאָנאָוואַלאָוו האָט דעם בריף פון מיר אָבגענומען און האָט אַ טראַכט געטהאָן. מיט איין האַנד האָט ער געדרעהט דעם בריף צווישען די פינגער, מיט דער אַנדער האַנד האָט ער געגלעט זיין לאַנגע באָרד.

„קענסטו אויך שרייבען?״

„איך קען —״

„האָסטו אויך טינט?״

„איך האָב ...״

„דאַן שרייב איהר אַ בריף — זי מוז מיר דאָך האַלטען פאַר אַ שופט און דיינקט געווים, איך האָב איהר פערגעסען ... שרייב איהר, ברודער!״

„אויב דו ווילסט׳ קען איך שוין שרייבען. ווער איז זי דען?״

„אַ פראָסטיטוטקע ... דו האָסט דאָך אַליין געלעזען, דאָס זי וויל, איך זאָל איהר בעפרייען, דאָס מיינט, איך זאָל געהן אויף דער פאָליציי און פערשפרעכען, אַז איך וועל מיט איהר חתונה האָבען. אויב איך וועל

דאָס טהאָן, וועט מען איהר אָבגעבען איהר פּאַספּאָרט און זי איז פּריי. האָסטו פערשטאַנען?"

שפּעטער מיט אַ האַלבע שטונדע האָב איך געהאַט אָנגעשריבען דעם פאָלגענדען בריעף! „נו, לאָמער שוין הערען," האָט קאָנאָוואַלאָוו געפרעגט מיט אַן אונגעדולדיגע שטימע. איך האָב אָנגעהויבען צו לעזען:

„קאָפּאַ! דיינק ניט, דאָס איך בין אַ שופט און האָב פערגעסען אַן דיר. ניין, איך האָב ניט פערגעסען אַן דיר. איך האָב ווידער אַמאָל אָנ- געהויבען צו טרינקען, אַלעס האָב איך פער'שיכר'ט. יעצט האָב איך ווידער געקראָגען אַ פּלאַץ און מאָרגען וועל איך נעהמען אַ פּאָר רובעל אין פאָראויס, איך וועל שיקען דאָס געלד צו פיליפ'ען און ער וועט דיר בעפרייען, האָסטו גענוג געלט צו דער רייזע? פאַרלויפיג, אויף ווידערזעהען דיין אַלעקסאַנדער."

„הם, האָט קאָנאָוואַלאָוו אַ ברום געטהאָן, קראַצענדיג זיך דעם קאָפּ, סהאָט קיין גרויסע ווערדע ניט. וואָס דו האָסט דאָ אָנגעשריבען. ס'איז קיין געפיהל ניט אין דיין בריף, קיינע טרערען, און איבערהויפּט האָב איך דיר געבעטען, דו זאָלסט מיר גוט אויסשעלטען אין דעם בריף... דער פון האָסטו קיין וואָרט ניט געשריבען..."

„אָבער צו וואָס דען?"

„צו וואָס? אום זי זאָל זעהען, דאָס איך שעהם מיך פאַר איהר, דאָס איך פיהל מיר שולדיג. אַזוי איז גאָר ניט... עס קלעבט זיך ווי אַן ארבעס צו דער וואַנד. לאָז חאַטש אַ טרער אַרויספאַלען."

קאָנאָוואַלאָוו האָט ניט אַנדערש געוואָלט, איך זאָל נאָר דעם בריף בענעצען מיט אַ טרער. נאָך איינינע אָנשטרענגונגען האָט עס מיר אויך געלונגען. ער איז זעהר צופרידען געוועזען און אַרויספלענענדיג מיר די האַנד אויף'ן אַקסעל האָט ער פריינדליך צו מיר געזאָגט:

„נו זעהסטו — אַזוי איז רעכט — נאַ האָב דיר אַ שעהנען דאַנק. דו שיינסט צו זיין אַ גוטער יונג. איך האָף, אַז מיר וועלען ביידע גוט אייסקומען."

איך בין איבערצייגט געווען, דאָס מיר וועלען גוט דורכקומען און האָב איהם געבעטען, ער זאָל מיר עפּעס דערצעהלען פון קאַפּיטאָלינאַ.

„קאַפּיטאָלינאַ?" האָט ער אָנגעהויבען צו דערצעהלען, זי איז אַזאַ מין מיידעל... כמעט נאָך אַ קינד... אַ קויפמאַנס טאָכטער פון וויאַטקאַ. — זי איז געגאַנגען אויף'ן שלעכטען וועג, אַלץ נידריגער און נידריגער און צולעצט איז זי אַריינגעקומען אין אַ פּרעהליכע הייזער... דו פערשטעהסט מיר דאָך? אַ מאָל בין איך געקומען אַהין און האָב איהר געזעהען, דעם

אמת געזאָגט, איז זי נאָך געווען אַ קינד. אָך, גאָט, האָב איך געדענקט, איז דען דאָס מעגליך? איך בין בעקאַנט געוואָרען מיט איהר... זי האָט אָנגעהויבען צו וויינען... איך האָב גערעדט צו איהר: „האָב נאָר גערולד, האָב איך צו איהר געזאָגט, נאָך אַ פּאָר וואָכען און איך וועל דיר קענען אַרויסנעהמען פון דאַנען". איך האָב שוין צוזאַמענגעקליבען געלד, אַלעס איז פערטיג געווען, נאָר מיט אַ מאָל האָב איך ווידער אָנגעהויבען צו טרינקען און איך ווייס אַליין ניט ווי אַזוי איך בין אוועק קיין אַסטראַכאַן, פון דאָרטען בין איך געקומען אַהער... ערגעץ אַ בעקאַנטער האָט איהר געזאָגט, וואו איך בין און זי האָט מיר געשריבען אַ בריף..."

„ווילסטו דען ווירקליך חתונה האָבען מיט איהר?" האָב איך געפרעגט.

„חתונה האָבען? וואָס רעדסטו? איך בין דאָך אַ שכור, ווי אַזוי קען איך זיין אַ חתן? ניין, איך וועל איהר ארויסנעהמען פון דאָרטען, נאָכדעם קען זי טהאָן, ווי זי געפינט פאַר ריכטיג... פיליייכט געפינט זי אַ פּאַסענדען פלאַץ אין מען קען ניט וויסען, אפשר וועט זי זיך ווידער אַרויפאַרבייטען אויף'ן גוטען וועג..."

„אָבער ווי איך האָב געלעזען אין איהר בריף, וויל זי דאָך צוזאַמענלעבען מיט דיר."

„דאָס איז נאָר אַזאַ משוגעס פון איהר. אַזוי זיינען אַלע ווייבער... איך קען זיי גוט, איך האָב שוין מיט פילע פון זיי צו טהאָן געהאַט. אַ מאָל האָב איך מיר פערליעבט אין די ווייב פון אַ קויפמאַן... זי איז געווען זעהר אַ רייכע. איך בין דאַן געווען שטאַלקנעכט אין אַ צירקוס, דאָרטען האָט זי זיך אין מיר פערליעבט. „קום צו מיר אַלעס קוטשער", האָט זי צו מיר געזאָגט: דער צירקוס איז מיר שוין מיאוס געוואָרען און איך האָב אָן געגומען דעם פלאַץ אָט אַזוי זיינען מיר נעהענטער בעקאַנט געוואָרען. זיי האָבען געהאַט זייער אייגענע הויז, אַ שטאַל מיט פערד און בעדינער, ווי די פריצים האָבען זיי געלעבט. איהר מאַן איז געווען אַ קורצער, אַ דיקער, אַזאַ מין בעשעפּנים ווי אונזער מייסטער. זי אַליין איז געווען שלאַנק און ריהרעוודיג ווי אַ טייוועל און פייעריג איז זי געוועזן... ווען זי האָט מיר אַרומגענומען און געהאַלזט און געקושט, האָט זיך מיר אויסגעוויזען ווי זי וואָלט מיר אַריינגעשיקט גליהענדע קוילען אין האַרצען. איך האָב אָנגעפאַנגען צו ציטערען און האָב פשוט מורא געהאַט פאַר איהר. פיהל מאָל האָט זי מיר געקושט און געקושט און האָט געוויינט אָהן אויפהער. „וואָס איז מיט דיר, וויערינקאַ?" האָב איך איהר דאַן געפרעגט און זי האָט מיר געענטפערט. „אַך מיין סאַשאַ, דו ביזט ווי אַ קינד! דו בעגרייפסט ניט, וואָרום איך וויין..." אַ וואָזשנע ווייב

איז זי געווען. און זי איז געווען גערעכט, איך האָב איהר ווירקליך ניט פֿערשטאַנען. איך בין ווירקליך זעהר אַ גרויסער נאַר, איך ווייס עס אַליין... זעהר אָפֿט ווייס איך ניט וואָס איך טהו, איך לעב אַזוי גלאַט אין דער וועלט אריין... ניט דענקענדיג אין קיין זאַך...“

ער איז פּלוצלונג ענטשוויגען געוואָרען און האָט מיר אַנגעקוקט מיט אָפֿענע אויגען. אין זיין בליק האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אַ מורא׳דיגע אונרוהיגקייט. דיזער מערקווירדיגער אויסדרוק פֿון זיינע בלויע, מעלאַנ־כאָלישע אויגען האָט זיין געזיכט געמאַכט נאָך שעהנער און אינטערעסאַנ־טער ווי געוועהנליך...

„נו, וואָס איז געווען די ענדע מיט דיין קויפֿמאַנס פֿרוי?“ האָב איך אַ פֿרעג געטהאָן.

„אַך, ברודער, פֿילע מאָל ווערט מיר אַזוי ביטער אויף׳ן האַרצען, אַז דער גאַנצער לעבען ווערט מיר מיאוס. עס דאַכט זיך מיר אויס, דאָס די גאַנצע וועלט איז אויסגעשטאָרבען און נאָר איך אליין דרעה זיך אַרום אויף איהר... אַלעס איז מיר מיאוס, איך בין מיר אַליין אַ לאַסט און אַלע אַנ־דערע זיינען מיר איבריג. עס וואָלט מיר ניט אויסגעמאַכט אַז די גאַנצע וועלט וואָלט אויסגעשטאָרבען... ס׳מוז זיין אַ פֿעהלער ביי מיר... אין אזעלכע מאָמענטען פֿאַנג איך אָן צו טרינקען, דאָס פֿערטרייבט מיר די געדאַנקען... ווען די טרויעריגקייט איז מיר אַמאָל אָנגעפֿאַלען, האָב איך געזאָגט צו מיין געליבטע: „הער נאַר, וויעראַ מיכאַאילאָוונאַ, איך מוז אַוועקגעהען פֿון דיר... איך קען דאָס ניט מעהר ערטראַגען.“ — „אַזוי, האָב איך זיך דיר צוגעגעסען?“ האָט זי געפֿרעגט און אַ שמייכעל האָט געשפּיעלט אויף איהרע רויטע ליפּען. „ניין“, האָב איך איהר גיענטפֿערט „דו האָסט זיך מיר נאָך ניט צוגעגעסען, נאָר מיין אייגענער לעבען האָט זיך מיר צוגעגעסען“. צווערשט האָט זי מיר ניט פֿערשטאַנען, זי האָט זיך אָנגעבייזערט אויף מיר און האָט מיר גוט אויסגעשאָלטען... אָבער שפּע־טער מיט אַ ווייל׳ע האָט זי אַלעס בעגריפֿען. זי האָט אַלעס בעגריפֿען. זי האָט אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ און האָט געזאָגט מיט אַ טרויעריגע שטימע: „גוט, דאַן געה נאַר...“ און זי האָט אָנגעהויבען צו וויינען ווי אַ קינד. זי איז געווען אַ ברונעטקע מיט שוואַרצע אויגען און שוואַרצע לאָקען. זי אַליין איז ניט אַרויסגעקומען פֿון קויפֿלייט, איהר פֿאָטער איז געווען אַ טשינאָווניק.. זי האָט מיר זעהר לייד געטהאָן און איך בין אויף זיך אַליין אין כעס געווען, וואָרום האָב איך זיך געדאַרפֿט אונטערגעבען צו אַ ווייב? איך ווייס אליין ניט וואָרום... ביי איהר מאַן האָט זי זיך געלאַנגווייליגט. ער איז געווען אַ ריכטיגער מאָפּס... זי האָט געוויינט אַ לאַנגע צייט, דען זי האָט זיך אַזוי

גוט צוגעוואָהנט צו מיר... און איך אַליין האָב איהר אויך האָלט געהאַט: מאַנכעס מאָל האָב איך איהר גענומען אויף די הענד און האָב איהר איינגעשלעפערט ווי אַ קינד. זי איז געשלאָפען און איך בין געזעסען און האָב איהר אַזוי אָנגעקוקט, אין שלאָף זעהט דער מענש שעהנער אויס, אַזוי רוהיג, ער אָטהעמט און שמייכעלט, דאָס איז אַלעס. פון צייט צו צייט האָבען מיר געוואָהנט אויף׳ן דאָרף, איך בין אָפט מיט איהר געפאָרען שפּאַצירען און זי האָט עס זעהר ליעב געהאַט, ווען דאָס פערד איז געלאָפען אין פולען גאַלאָפּ, ווען מיר האָבען געפונען אַ שטילען ווינקעל אין וואַלד, האָבען מיר דאָס פערד אָנגעבונדען צו אַ בוים און האָבען זיך אַוועקגעלעגט אין די פרישע גראָז. זי האָט גענומען מיין קאָפּ אויף׳ן שויס און האָט מיר פאָרגעלעזען פון אַ בוך. איך האָב מיר צוגעהערט, ביז איך בין אַנטשלאָפען געוואָרען. אַך, ברודער, וואָס פאַר שעהנע געשיכטעס זיינען דאָס געווען, איינע פון זיי וועל איך קיינמאָל ניט פערגעסען, עס איז די געשיכטע פון דעם שטומען גראַסים און זיין הונד. ער איז געווען אַ שטומער, אַלע האָבען איהם פערפאָלגט, נאָר זיין הונד איז איהם געווען אַן אמת׳ער גוטער פריינד. זיינע מיטמענשען האָבען פון איהם חיזק געמאַכט, ווען זיי האָבען איהם נאָר דערזעהען, און ער איז דאַן אימער שנעל אַוועקגעגאַנגען צו זיין הונד... עס איז געווען זעהר אַ טרויעריגע געשיכטע: זי האָט זיך אָבגעשפּילט אין דער צייט ווען די פּאַנסטשינע האָט נאָך עקסיזטירט... איינמאָל האָט די פּריצע געזאָגט צו דעם שטומען-„הער נאַר, שטומער, נעהם דיין הונד און וואַרף איהם אַריין אין וואַסער, ער בילט מיר צו שטאַרק!... דער שטומער האָט גענומען זיין הונד, האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ שיפעל און איז אַרויסגעפאָרען אויף׳ן טייך איך האָב אָנגעהויבען ציטערען אַם גאַנצען קערפּער, ווען זי האָט מיר פאָרגעלעזען דיזע שטעלע... ליבער גאָט, ווי קען מען גאָר אוועקנעהמען פון אַ לעבעדיגען מענשען די איינציגע פריידע וואָס ער האָט אויף דער וועלט... אַזאַ גרויזאַמקייט... [illegible]... וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרע געשיכטע איז דאָס געווען, און [illegible]זעלכע [illegible]עס טרעפען זיך אין לעבען... עס גיט אַזעלכע מענשען, פאַ[illegible] וועלכע די [illegible]צע וועלט פערקערפערט זיך אין אַ געוויסע זאַך, צום ביישפּיל [illegible]ין אַ הונד. [illegible] און פאַר וואָס אין אַהונד? אַזא מין מענש פיהלט, אַז קיינער לי[illegible] איהם ני[illegible], קיינער קימערט זיך ניט וועגען איהם, נאָר דער הונד איז זיי[illegible] איינציגער און בעסטער פריינד... אָהנע ליבע קען דער מענש ניט לעבען, דערפאַר האָט ער דאָך געקראָגען אַ לעבעדיגע נשמה, ער זאָל פערשטעהען ווי צו ליבען...פילע געשיכטעס האָט זי מיר פאָרגעלעזען, זי איז געווען אַ ליבליכע פרוי און נאָך היינט טהוט זי מיר לייד. ווען ניט מיין מרה שחורה, וואָלט איך נאָך היינט געווען ביי איהר, איך וואָלט איהר ניט פער-

לאָזען, ביז וואַנען זי וואָלט מיר אַליין אַוועקגעשיקט... זי איז געווען אַזוי גוט צו מיר, פילע מתנות האָט זי מיר אפילו ניט געגעבען נאָר אַלעם איז איהר געקומען פון האַרצען, יאָ, ברודער, אַזאַ פרוי איז דאָס געווען.

שטענדיג האָט זי מיר געהאַלזט און געקושט, אַ ווייב בלייבט אַ ווייב... מאַנכעם מאָל האָט זי בעקומען אַן אַנפאַל, אַך, ווי גוט זי איז דאַן געווען צו מיר! אין אַזעלכע מאָמענטען האָט זי אַ טיפען קוק געטהאָן אין מיין נשמה און האָט גערעדט צו מיר ווי אַ מאַמע...איך האָב מיר דאַן גע פיהלט צו איהר ווי אַ קינד פון פינף יאָהר...אָבער טראָץ דעם האָב איך איהר פערלאָזען צוליעב מיין מרה שחורה, עס האָט מיר געצויגען אין דער ווייטען... „לעב וואָהל, וויערא מיכאַילאָוונאַ", האָב איך געזאָגט צו איהר, „זיי ניט ברוגז אויף מיר..." „לעב וואָהל!" האָט זי טרויעריג געענטפערט, „לעב וואָהל מיין ליבער סאַשאַ." און זי האָט מיר אַרויפגע- וויקעלט מיין אַרבעל ביז אין עלענבויגען און האָט מיר אַריינגעביסען מיט איהרע ווייסע ציינער אין פלייש. איך בין אויפגעשפרונגען פון שמערץ, זי האָט מיר באַלד אַרויסגעביסען אַ גאַנצע שטיק פלייש פון האַנד... דריי וואָכען האָט מיר וועה געטהאָן דער אָרעם און נאָך היינט קענסטו זעהן דעם סימן..."

ער האָט אַרויפגעקאַטשעט דעם אַרבעל און האָט געצייגט זיין שעה- נעם, ווייסען מוסקעלעזען אָרם מיט אַ טרויריגען שמייכעל. אויף דער הויט געבען עלענבויגען האָט מען געקענט זעהן דעם סימן: קאַנאָוואַלאָוו האָט איהם בעטראַכט, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ און אַ שמייכעל האָט געשפּיעלט אויף זיינע ליפּען.

„אַ מערקווירדיגע ווייב", האָט ער נאָך אַמאָל געזאָגט, „זי האָט מיר געביסען, אום איך זאָל איהר ניט פערגעסען."

איך האָב שוין פריהער געהערט אַזעלכע ליבעס-געשיכטען, אין דעם לעבען פון יעדען בראָדיאַגע שפּילט אירגעץ אַ „קויפמאַנספרוי" אָדער אַ „דאַמע פון די העכערע קרייזען" אַ גרויסע ראָלע און דורך די פערשי- דענאַרטיגע ערצעהלונגען פערוואַנדעלט זיך דיזע דאַמע געוועהנליך אין אַ מין פאַנטאַסטישע פיגור, וועלכע פעראייניגט אין זיך די אונוואַרשיינ- ליכסטע פיזישע און זעלישע אייגענשאַפטען. ווען זי איז היינט אַ בלאָנדע מיט בלויע אויגען אין אַ שעלמישען, פרעהליכען טעמפעראַמענט, קען מען בעשטימט ערוואַרטען, דאָס אין אַכט טעג אַרום וועט זי אונז פאַר- געשטעלט ווערען אַלס אַ ברונעטקע מיט שוואַרצע אויגען און אַ גוט- האַרציגען, מעלאַנכאָלישען כאַראַקטער, געוועהנליך רעדט דער בראָדיאַגע פון' איהר מיט דעם טאָן פון אַ סקעפּטיקער און דערצעהלט אַ מאַסע

קלייניגקייטען, וואָס עס מאַכט דעם צוהערער איהר נידריג צו האַלטען. אָבער קאָנאָוואַלאָוו'ס געשיכטע האָט אויף מיר ניט געמאַכט דעם איינ־דרוק, אַז איך זאָל איהם ניט גלויבען. זיין גאַנצע ערצעהלונג איז געווען ריכטיג און נאַטירליך, אויך האָב איך אין איהר געפֿונען געוויסע פונקטען וועלכע זיינען געווען פֿאַר מיר אַ נייעס, ווי צ.ב.ש. דאָס זי האָט איהם פֿאַרגעלעזען ביכער און האָט איהם גערופֿען אַ קינד, איהם, דעם מעכטיגען ריז קאָנאָוואַלאָוו.

איך האָב מיר פֿאַרגעשטעלט די קליינינקע, שעהנינקע פֿרוי, ווי זי ליגט און שלאָפֿט אויף זיינע הענד, אָנשפּאַרענדיג דעם קאָפּ אויף זיין ברייטע ברוסט — אַ פּרעכטיגעס בילד, וועלכער האָט מיר נאָך מעהר איבערצייגט פֿון דער ריכטיגקייט פֿון זיין ערצעהלונג. אויך די זאַנפֿטע, מעלאַנכאָלישע שטימע, מיט וועלכע ער האָט דערצעהלט זיינע עראינער־רונגען, האָט אויף מיר געמאַכט אַ טיפֿען איינדרוק, דער ריכטיגער בראָ־דיאַגע רעדט קיינמאָל ניט אויף אַזאַ מין אָרט פֿון די ווייבער: ער ליבט עס די מענשען צו צייגען, דאָס עס גיט פֿאַר איהם ניט קיין זאַך אין דער וועלט, וועלכע ער זאָל מורא האָבען צו בעשמוצען.

„וואָס שווייגסט דו דען?" האָט מיר קאָנאָוואַלאָוו פּלוצלונג געפֿרעגט. וואַרפֿענדיג אויף מיר אַ מיסטעריאָישען בליק: „מיינסטו, איך האָב דיר ליגען ערצעהלט?" ער האָט זיך געמאַכט בעקוועם אויף די זעק מעהל. האַלטענדיג אין איין האַנד אַ גלאָז טהע און מיט דער צווייטער גלעטענדיג זיין לאַנגען באָרד, זיינע אויגען האָבען מיר געמוסטערט מיט אַ פֿראַגענדען בליק און אויף זיין שטערען האָבען זיך געוויזען שאַרפֿע קנייטשען. „ניין, דו קענסט מיר גלייבען, האָט ער געזאָגט, וואָרום זאָל איך זאָגען אַ ליגען?... איך וויים זעהר גוט, דאָס אונזערע ברידער וואַגאַבונדען זיינען קינסטלער פֿון גע־שיכטען צו ערצעהלען... דאָס איז גאַנץ נאַטירליך... ווען אַ מענש האָט קיין גוטען טאָג ניט געהאַט אין זיין לעבען, קען עס דאָך קיינעם ניט שאַדען, ווען ער קלערט זיך אויס אַ מעשה'לע און דערצעהלט עס אלס אַן אמת. ער דערצעהלט עס אַזוי לאַנג, אַז ער גלויבט עס אַליין אויך און עס מאַכט איהם פֿערגעניגען. פֿאַר פֿיעלע מענשען איז ליגען דערצעהלען אַ בעדירפֿנים... אָבער איך, ברודער, האָב דיר דערצעהלט דעם אמת, אַזוי איז ווירקליך געווען. און איז עס דען ווירקליך אַזאַ אויסערגעוועהנליכע זאַך? דאָ לעבט אַזאַ אָרעמע ווייבעל און לאַנגווײלט זיך און די מענשען אַרום איהר זיינען אַזעלכע נאַראָנים... נו וואָס איז, אַז איך בין אַ קוטשער, דער פֿרוי איז אַלס איינס, צו אַ קוטשער צו אַן אָפֿיצער, עס זיינען דאָך אַלע מענער... און אַלע האַנדלען ווי שופֿטען געגען איהר און פֿערלאַנגען

פֿון איהר די זעלבע זאַך. יעדער זוכט צו נעהמען פֿון איהר זאָ פֿיל ווי ער קען נאָר און ניט איהר אַזוי וויניג ווי מעגליך. אַ פּראָסטער מענש איז אין אַזאַ פֿאַל נאָך בעסער און געוויסענהאַפֿטער... און איך בין זעהר אַ פּראָסטער ... די ווייבער בעגרייפֿען דאָס זעהר שנעל... זיי פֿיהלען, דאָס איך וועל זיי ניט בעליידיגען און זיי ניט פֿערשפּאָטען... אַ ווייב איז זעהר גרינג צו קריגען צום זינדיגען, נאָר פֿאַר קיין זאַך האָט זי ניט אַזוי מורא ווי פֿאַר שפּאָט און בעליידיגונג... זיי האָבען פֿיל מעהר שאַנדע, ווי מיר מענער... מיר בענוצען זיך מיט זיי און נאָכדעם טראָגען מיר אַלעס אַרויס אויף'ן מאַרק און בעריהמען זיך: זעהט ווי מיר האָבען פֿון דער נאַרישער ווייבעל אַלעס אַרויסגענאַרט!... אַזאַ אָרימעס ווייב איז דאַן גאַנץ הילפֿלאָז. קיינער זעהט ניט אין איהר זינד אַ העלדענטהאַט ווי ביי אונז... וואָס פֿאַר אַן אויסוואורף זי זאָל ניט זיין, ברודער, האָט זי אימער מעהר שאַנדע פֿון אונז..."

איך האָב זיך צוגעהערט צו זיינע רעד און האָב געדיינקט: „קומט עס ווירקליך פֿון הארצען, וואָס ער דערצעהלט מיר?" זיינע ווערטער האָבען געמאַכט אויף מיר אַ מערקווירדיגען איינדרוק.

ער האָט מיר אָנגעקוקט מיט זיינע קלאָרע קינדערעשע אויגען און האָט אַלס ווייטער גערעדט און אימער טיפֿער זיינען מיר זיינע ווערטער אַריינגעדרונגען אין האַרצען.

עס האָט זיך מיר אויסגעוויזען, ווי אַ טומאַן וואָלט מיך אַרומגענומען אַ וואַרימער טומאַן, וועלכער האָט געלייטערט מיין האַרץ, וועלכע איז טראָגט דעם וואָס איך בין נאָך געוועזען אַזוי יונג, שוין דורכגענומען געוועזען פֿון שמוץ און שלעכטיגקייט.

דאָס האַלץ האָט אין אוווען אויסגעברענט ביז צו לעצט און אויף דער שמוציגער וואַנד פֿון דער בעקעריי האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אַ בלאַסער רויטליכער שיין.

דורך אונזער פֿענסטער האָט אַריינגעקוקט אַ שטיק הימעל מיט צוויי שטערען: איינער איז געווען גרויס און האָט געפֿונקעלט ווי אַ דיאַמאַנט, דעם אַנדערען האָט מען קוים געקענט אַרויסזעהן.

III

עס איז פֿערגאַנגען אַ וואָך און מיר זיינען ביידע געוואָרען זעהר גוטע פֿריינד.

„דו ביסט אַזאַ פּראָסטער יונגער מאַן... דאָס געפֿעלט מיר," האָט קאָנאָוואַלאָוו צו מיר געזאָגט מיט אַ פֿריינדליכען שמייכעל און האָט מיר אַרויפֿגעלייגט זיין ריזיגע האַנד אויף די אַקסעל.

אין זיין אַרבייט איז ער געווען אַ ריכטיגער קינסטלער. מען האָט נאָר

געדאַרפֿט צוקוקען, ווי ער האָט אַרומגעוואָרפֿען אַ שטיק טייג פֿון זיבען פוד, האָט איהם פֿערטהיילט אויף די מולטערס אָדער ווי ער האָט איהם געקנעטען, אַריינשטעקענדיג זיינע שטאַרקע הענד אין דעם פעבקע טייג ביז איבער די עלענבויגען, וועלכער האָט געפּיטשעט אונטער זיינע האַרטע פֿינגער.

ווען איך האָב צוגעקוקט, ווי געשיקט ער האָט אַריינגעזעצט די רויע ברויט אין אויווען, האָב איך מורא געהאַט, דאָס עס וועט זיך אַלעס צוזאַמענ-גיסען אין איין שטיק. אָבער ווען ער האָט פֿערטיג געבאַקען די הונדערט און צוואַנציג שעהן געוואַקסענע און געברוינטע לאַבען ברויט, אָהנע דאָס איינער האָט פֿערלאָרען זיין פֿאָרם, האָב איך פֿערשטאַנען, דאָס דיזער מאַן איז אַן אמתער, קינסטלער אין זיין פֿאַך. ער האָט זיין אַרבייט זעהר ליב געהאַט און האָט זיך גאַנץ איבערגעגעבען צו איהר: ער איז זעהר אויפֿגערעגט געוואָרען ווען דער אויווען האָט שלעכט געבאַקען אָדער ווען דאָס טייג איז ניט גיך געגוג אויפֿגעגאַנגען; ער איז בייז געווען אויף'ן מייסטער, ווען ער האָט גע-קויפֿט פֿייכטע מעהל און ער האָט זיך געפֿרייט ווי אַ קינד, ווען אַלעס האָט גוט געלונגען און דאָס ברויט איז אַרויס הויך און גוט אויסגעבאַקען מאַנכעס מאָל האָט ער אַרויסגענומען איינעם פֿון די שעהנסטע לאַבענס ברויט, האָט איהם אַרומגעוואָרפֿען צווישען די הענד און האָט זיך ניט געקענט זאַט אָבקוקען. טראָץ דעם וואָס ער האָט זיך דערביי פֿערברענט די פינגער איז ער דאָך געווען צופֿרידען און האָט געזאָגט צו מיר מיט אַ פֿרעהליכען געלעכטער;

אַך, זעה נאָר, וואָס פֿאַר אַ שעהנעס געבעק מיר האָבען אַרויסבעקומען.."

איך האָב געהאַט דעם גרעסטען פערגנגען. צו קוקען אויף דיזען ריזען-קינד, וועלכער האָט אַריינגעלעגט זיין גאַנצע נשמה אין זיין אַרבייט, וואָס יעדער מענש וואָלט אייגענטליך בעדאַרפֿט טהאָן מיט זיין ארבייט.

איינמאָל האָב איך געזאָגט צו קאָנאָוואַלאָוו:

„הער נאָר סאַשאַ, מען האָט מיר דערצעהלט, אַז דו קענסט זעהר שעהן זינגען."

ער האָט צוזאַמענגעצויגען דעם שטערען און האָט געלאָזט אַרונטער הייגגען דעם קאָפּ.

"איך זינג טאַקע, אָבער נאָר צו געוויסע צייטען," האָט ער געענט-פֿערט, ווען עס פֿאַלט מיך אָן אַ טרויעריגער געפֿיהל... אָבער ווען איך הייב אַליין אָן צו זינגען, דאַן ווערט מיר שוין טרויעריג אויף'ן האַרצען. רעדט בעסער ניט דערפֿון... קענסט דו אויך זינגען? יאָ?... אַך, ברודער, זינג בעסער ניט... וואַרט אויס, ביז עס וועט זיך מיר פֿערגלוסטען זינגען

דאַן וועלען מיר ביידע זינגען... פייף בעסער, ווען עס איז דיר אומעטיג ביזטו צופרידען?"

איך בין נאַטירליך צופרידען געווען, און ווען עס האָט זיך מיר פער-גלוסט צו זינגען, האָב איך אָנגעהויבען פייפען: נאָר מאַנכעס מאָל האָב איך זיך פערגעסען און האָב מיר שטיל צוגעזונגען אונטער'ן נאָז, קנע-טענדיג דאָס טייג. קאָנאָוואַלאָוו האָט זיך דאַן צוגעהערט אַ ווייל, האָט פערצויגען די ליפען און האָט מיר דערמאַנט אין מיין פערשפּרעכען. מאַנכעס מאָל אָבער האָט ער זיך גראָב אָנגעשריען אויף מיר:

„הער שוין אויף צו ברומען."

איינמאָל האָב איך ארויסגענומען אַ בוך פון מיין טשעמאָדאַן, האָב מיר צוגעשפּאַרט צום פענסטער און אַביסעל געלעזען.

קאָנאָוואַלאָוו האָט זיך אויסגעצויגען אויף'ן מעהל-קאַסטען און האָט געכאַפּט אַ דרעמעל, נאָר דער שטילער גערויש, וואָס איז פעראורזאַכט גע-וואָרען דורך דעם איבערמישען די בלעטער, האָט איהם אויפגעוועקט. ער האָט געעפענט די אויגען און זעהענדיג דאָס בוך אין מיינע הענד, האָט ער געפרעגט:

„וואָס איז דאָס פאַר אַ בוך?"

עס איז געווען די „פּאָדליפּאָווצי" פון רעשעטניקאָוו.

„לעז דאָס הויך!" האָט ער מיר געבעטען.

איך האָב זיך אוועקגעזעצט אויף'ן פענסטער און האָב אָנגעפאַנגען צו לעזען. קאָנאָוואַלאָוו האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף'ן מעהל-קאַסטען, אָנשפּאַרענדיג דעם קאָפּ אויף מיינע קניע און האָט זיך צוגעהערט. פון צייט צו צייט האָב איך אַ קוק געטהאָן אויף זיין געזיכט און מיין בליק האָט זיך בעגעגענט מיט זיינעם. איך דערמאָהן זיך נאָך ווי היינט, ווי ער האָט אויפגעריסען זיינע גרויסע בלויע אויגען, אין וועלכע עס האָט זיך אָבגעשפּיגעלט די גרעסטע אינטערעסע: זיין מויל איז געווען האַלב אָפען און צווישען די בלאַסע ליפּען האָבען געגלאַנצט שעהנע ווייסע ציינער. זיין גאַנצע האַלטונג איז געווען אַזוי זאָנדערבאַר און ערוואַרטונגספאָל, אַז איך האָב זיך בעמיהט פאָרצוטראָגען אַזוי לעבעדיג ווי נאָר מעגליך די טרויריגע געשיכטע פון סיסאָיקאָ און פילאַ, די ביידע העלדען פון רע-שעטניקאָוו'ס ראָמאַן.

צולעצט בין איך מיד געוואָרען לעזענדיג און האָב פערמאַכט דאָס בוך.

„האָסטו שוין געענדיגט?" האָט קאָנאָוואַלאָוו געשעפּטשעט.

„כמעט אַ העלפט האָב איך געלעזען."

„ווילסטו דאָס ניט ענדיגען?"

„שפּעטער, ווען איך וועל מיר אַביסעל אָברוהען."

קאַנאָוואַלאָוו האָט אַ זיפץ געטהאָן און האָט זיך געכאַפּט ביים קאָפּ זיך שאַרענדיג אויף'ן קאָסטען הין און הער, גראַדע ווי ער וואָלט געהאַט עטוואָס צו זאָגען און קען ניט געפינען די ריכטיגע ווערטער, ער האָט געעפענט דאָס מויל און צוריק פערמאַכט, עכצענדיג ווי אַ בלאָז-זאַק. איך האָב גאָר ניט ערוואַרטעט, אַז די געשיכטע זאָל אויף איהם מאַכען אַזאַ ווירקונג.

„אַך, ווי גוט דו האָסט עס פאָרגעלעזען!" האָט ער געזאָגט און זיין שטימע האָט געציטערט... „די פערשידענע שטימען... פונקט ווי זיי וואָל-טען געווען לעבעדיג... דיזער אַפּראָסקאַ... ריזער פּילאַ... ווי נאַריש זיינען זיי דאָך געווען... עס האָט מיר געמאַכט צום לאַכען און איך האָב מיר געמוזט איינהאַלטען מיט געוואַלד... אַ וואונדער וואָס עס וועט נאָך ווייטער קומען? וואָס וועט זיין פון זיי?... ליבער גאָט, דאָס איז דאָך אַלעס אמת... דאָס זיינען אַלעס ריכטיגע מענשען... פּראָסטע מוזשיקעס... עס ווייזט זיך מיר אוים, ווי ווען איך וואָלט געזעהען זייערע געזיכטער און זיי געהערט ריידען... הער נאָר, מאַקסים, מיר וועלען אויף גיך פאַרטיג מאַכען דעם אויווען, דאַן וועסטו ווייטער לעזען!"

מיר האָבען אַריינגעזעצט דאָס ברויט אין אויווען און האָבען פאַרטיג געמאַכט האָס צווייטע טייג. נאָך דעם האָב איך ווייטער געלעזען אַנדער-האַלבען שעה, דאַן האָב איך מיר ווייטער אָבגעשטעלט. דאָס ברויט איז פאַרטיג געוואָרען, מיר האָבען דעם צווייטען גאַנג אַריינגעזעצט אין אויווען און צורעכטגעמאַכט דאָס לעצטע טייג.

דאָס אַלעס איז געטהאָן געוואָרען פון אונז מיט אַ פיבערהאַפטע געש-ווינדיגקייט און גאַנץ שטילערהייט. קאָנאָוואַלאָוו האָט געאַרבייט ווי אַ טייוועל און האָט מיר נאָר פון צייט צו צייט צוגעוואָרפען אַ פּאָר ווערטער.

קורץ פאַר טאָג האָב איך געענדיגט דעם בוך און דיא צונג איז מיר געווען פערטריקענט פון דער אונגעוואָהנליכער אָנשטריינגונג.

קאָנאָוואַלאָוו איז געזעסען אויף אַ זאַק מעהל, אָנשפּאַרענדיג ביידע עלבויגען אויף זיינע קניע און האָט מיר אָנגעקוקט מיט אַ זאָנדעבאַרען בליק.

איז עס דיר געפעלען?" האָב איך איהם געפרעגט.

ער האָט געפינקעלט מיט די אויגען און געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ: ענדליך האָט ער מיר געפרעגט שטילערהייט:

„ווער האָט דאָס געשריבען?" אין זיינע אויגען האָט זיך אָבגעשפּיגעלט

אַ וואונדערבאַרער גלאַנץ און זיין געזיכט איז געווען רויט פֿון אינער־ליכע אויפֿרעגונג.

איך האָב איהם געזאָגט דעם נאָמען פֿון דעם שרייבער,

„אַך וואָס פֿאַר אַ מענש דאָס. איז! ווי ער האָט דאָס אַלעס בעגרי־פֿען! עס כאַפּט אָן ביי'ן האַרצען און סטשיפּעט ביי דער נשמה, אַזוי נאַטירליך און לעבעדיג קלינגען אַלע ווערטער. וויפֿיל האָט ער דאָן בע־קומען דער פֿאַר, דער דיכטער?"

„וואָס מיינסטו דערמיט" האָב איך ערשטוינט געפֿרעגט.

„נו, ער האָט דאָך געמוזט דער פֿאַר בעלאָהנט ווערען אָדער ווי, האָט ער דאָס גאַנץ אומזיסט געמאַכט?"

„איך הייב דיר ניט אָן צו פֿערשטעהן. פֿאַר וואָס קומט איהם אַ בעלאָהנונג.

„אָבער ווארום דען ניט?... אַזאַ בוך איז דאָך... כ'וויים אַליין ניט, ווי איך זאָל מיר אויסדריקען... עס איז ווי אַ מין פּאָליציי־ראַפּאָרט... ווען מען לעזט עס, דענקט מען זיך גלייך, וואָס פֿאַר מענשען זיינען דאָס דיזער פילאַ, סיסאָיקאַ און די אַנדערע?... מיט אַזעלכע האָט דאָך די גאַנצע וועלט מיטלייד... עס זיינען אַזעלכע אונוויסענדע, אונשולדיגע מענ־שען... וואָס פֿאַר אַ לעבען זיי פֿיהרען!? און..."

"און?"

קאָנאָוואַלאָוו האָט מיר אָנגעקוקט ווי אַ צומישטער און האָט געפֿ־רעגט שטילערהייט:

„עס מוז דאָך ערגעץ געבען אַ געזעץ! עס זיינען דאָך מענשען... מען מוז דאָך זיי העלפֿען."

אַלס אַנטוואָרט דערויף האָב איך איהם געהאַלטען אַ גאַנצע רעדע, נאָר ליידער האָבען מיינע ווערטער ניט געמאַכט דעם איינדרוק אויף איהם וועלכען איך האָב ערוואַרטעט.

קאָנאָוואַלאָוו איז געזעסען פֿערטראַכט מיט אַן אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ שאָקלענדיג זיך מיט זיין מעכטיגען קערפּער הין און הער: ער האָט ניט געערעדט קיין וואָרט וועהרענד מיין גאַנצער דרשה, נאָר פֿון צייט צו צייט האָט ער אַ זיפֿץ געטאָהן. גאַנץ פֿערמאַטערט האָב איך מיר ענדליך אָבגעשטעלט.

קאָנאָוואַלאָוו האָט אויפֿגעהויבען זיין קאָפּ און האָט מיר טרויעריג אָנגעקוקט.

"ער האָט אַלזאָ אין אמת'ען גאָר ניט בעקומען דער פֿאַר?" האָט ער געפֿרעגט,

„וועמען מיינסטו? האָב איך פֿערוואונדערט אַ פֿרעג געטאָהן, דען איך האָב שוין לאַנג געהאַט פֿערגעסען דעם שרייבער און זיין בוך,

„וועמען איך מיין? וועמען דען אַנדערש ווי דעם דיכטער!...”

איך בין אין דער אמת'ען בייז געוואָרען, דען ווי איך האָב יעצט בעמערקט, איז מיין גאַנצע שעהנע רעדע געווען אומזיסט. נאָר איך האָב מיר איינגעהאַלטען, אום מיין זאַנדערבאַרען שילער ניט צו קרענקען. ווי עס האָט אויסגעזעהן, האָט קאָנאָוואַלאָוו ניט געהאַט די זעלבע נייגונג ווי איך, אויפֿצולייזען די גרויסע וועלט-פֿראַגען דורך אַ פּאָר ווערטער: דאָס לעבען פֿון די איינצעלנע מענשען האָט איהם מעהר פֿעראינטערעסירט ווי די געשיכטע פֿון דער גאַנצער מענשהייט. ניט אָבוואַרטענדיג מיין ענטפֿער, האָט ער גענומען דאָס בוך, האָט איהם אויפֿגעעפֿענט און ווידער צוגעמאַכט און האָט אַ טיפֿען זיפֿץ געטאָהן.

„ליבער גאָט, ווי קלוג איז דאָס אַלעס געשריבען,” האָט ער געמורמעלט „א מענש האָט געשריבען אַזאַ בוך... אַ פּאָר בלעטער פּאַפּיר מיט בוכשטאַבען... דאָס איז אַלעס... און דאָך... איז ער שוין געשטאָרבען?”

„יאַ, ער איז שוין געשטאָרבען,” האָב איך טרוקען געענטפֿערט.

„אַלזאָ געשטאָרבען איז ער שוין,” האָט קאָנאָוואַלאָוו ווידערהאָלט מיינע ווערטער. „אָבער זיין בוך עקזיסטירט נאָך... און מענשען לעזען עס...איינער קוקט אַריין און לעזט פֿערשידענע ווערטער און דו הערסט זיך צו און מאַכסט דיר דיינע פֿאָרשטעלונגען, ווערסט בעקאַנט מיט פֿערשידענע מענשען, וועלכע האָבען אַמאָהל געלעבט... מיט פֿילאַ און סאָסאיקאַ, און אפֿראָסקאַ... און דו פֿיהלסט מיטלייד מיט זיי אָבוואָהל דו האָסט זיי קיינמאָהל ניט געזעהן... צעהנדליגע אַזעלכע מענשען געהען אַרום אין גאַס, דו זעהסט זיך מיט זיי, אָבער דו קענסט ניט זייער געשיכטע... און אין בוך עקזיסטירען זיי אייגענטליך אויך ניט...אָבער טראָץ דעם נעהמט עס איינעם ביי'ן האַרצען...א וואונדערליכע זאַך... דער שרייבער איז שוין געשטאָרבען און בעלאָהנט איז ער אויך ניט געוואָרען... אַך...

איך בין ווירקליך אין כעס געוואָרען אויף מיין פֿריינד און האָב איהם פֿערזוכט צו ערקלעהרען, אַז דער שרייבער נעמט זיין בעלאָהנונג אין דעם ווערק, וועלכעס ער האָט געשאַפֿען. קאָנאָוואַלאָוו האָט מיר צוגעהערט און אַ שמערצליכער שמייכעל האָט געשפּילט אויף זיינע ליפּען,

„אַ פֿיינע וועלטעל!” האָט ער אַ זיפֿץ געטאָהן, גלעטענדיג זיין לאַנגע באָרד.

איך האָב איהם דערצעלט, וואָס פֿאַר אַ שרעקליכע ראָלע עס שפּילט די שענק אין'ם לעבען פֿון'ם רוסישען שרייבער. וויפֿיל אויסגעצייכענטע

טאַלאַנטען זיינען שוין צו גרונדע געגאַנגען דורך דעם בראַנפֿען, דעם איינציגען טרייסט אין זייער שווערען לעבען.

„אַלזאָ אַזעלכע מענשען טרינקען אויך?״ האָט קאַנאָוואַלאָוו אַ פֿרעג געטאָהן. אין זיינע אויגען האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אַ געוויסע מיסטעריעז און אין דערזעלבער צייט אַ טיפֿע מיטלייד מיט דיזע אונגליקליכע...

„געוויס עטליכע פֿון זיי טרינקען,״ האָב איך געענטפֿערט.

„ווען זיי האָבען אַלזאָ געענדיגט אַ בוך, הויבען זיי אָן צו טרינקען?״

דיזע פֿראַגע איז געווען צו נאַאיוו, אום איך זאָל איהר ענטפֿערען.

„נאַטירליך פֿאַנגען זיי אָן צו טרינקען, ווען זיי האָבען אָנגעשריבען אַ בוך,״ האָט קאַנאָוואַלאָוו זיך אַליין געענטפֿערט. „זיי לעבען אַלזאָ, דיזע מענשען און טרינקען דעם שמערץ פֿון פֿרעמדע ליידען... זיי מוזען האָבען מערקווירדיגע אויגען... און אויך זייער האַרץ... זיי קוקען אַריין אין לעבען, צו לעצט ווערט זיי ביטער אויף'ן האַרצען און זיי געבען אי־בער זייערע געדאַנקען אויף דעם פּאַפּיר. אָבער זיי געפֿינען אין דעם קיין פֿערלייכטערונג ניט. די טרויריגקייט ברענט אין זייערע הערצער ווי אַ העלישער פֿייער... און זיי הייבען אָן צו טרינקען, אום צו דערשטיקען זייערע שמערצען... איז עס ניט אַזוי?...״

איך האָב איהם צוגעגעבען און דאָס האָט איהם געמאַכט מעהר מוטה ווייטער צו רעדען.

„פֿון רעכטסוועגען האָט מען זיי געדאַרפֿט בעלאָהנען,״ האָט ער פֿאָרטגעזעצט זיין פּסיכאָלאָגישע בעטראַכטונג וועגען דעם דיכטער, איז עס ניט אַזוי? דען זיי פֿערשטעהען דאָך מעהר ווי די אַנדערע און דייטען אונז אָן אַלערהאַנד אונגערעכטיגקייט אין לעבען, נעהם מיך אָן פֿאַר אַ ביישפּיל — ווער בין איך? אַ בראָדיאַגע, אַ טויגעניכטס, אַ שיכור, אַן אויסוואורף. מיין לעבען האָט איבערהויבט ניט קיין ריכטיגען גרונד... צו וואָס געה איך אין גאַנצען אַרום אויף דער וועלט? וואָס פֿאַר אַ ווערדע האָט מיין לעבען? כ'האָב ניט קיין היים, קיין ווייב, קיינע קינדער... און איך וויל דאָס אויך ניט האָבען. איך לעב גלאַט אין דער וועלט אַריין אין אונמוטה און טרויריגקייט... צו וואָס?... קיינער ווייס דאָס ניט. עס ווייזט מיר אויס, גראַדע ווי איך וואָלט געבאָרען געוואָרען אַ קאַליקע, ווי עס וואָלט מיר געפֿעהלט אַ זאַך, וואָס אַלע מענשען האָבען און וואָס יעדער דאַרף האָבען, אום צו קענען עקזיסטירען, עס פֿעהלט מיר אייגענטליך דער אינערליכער קאָמפּאַס .. דו פֿערשטעהסט מיר דאָך... עס פֿעהרט מיר עפּעס פֿייער אין דער נשמה... ערגעץ אַ קראַפֿט... מיט איין וואָרט, עס פֿעהלט מיר עטוואָס. און דאָך לעב איך ווייטער, און מיין האַרץ בייגגט

שטענדיג נאָך דעם וואָס מיר פּעהלט, איך זוך עטוואָס און ווייס אַליין ניט וואָס..."

„איך קען ניט פערשטעהען וואָס דו רעדסט," האָב איך געזאָגט.

ער האָט אָנגעשפּאַרט זיין קאָפּ אויף די הענד און האָט מיר אָנגעקוקט און אין זיין געזיכט האָט זיך אָבגעשפּיגעלט די שווערע ארבייט פון זיינע געדאַנקען, פאַר וועלכע ער האָט ניט געקענט געפינען דעם ריכטיגען אויסדרוק.

„וואָס איך רעד? איך רעד פון דער גאַנצער אונאָרדנונג אין מיין לעבען, איך לעב אָהן אַ צוועק, האָב ניט קיין אייגענעם ווינקעל און געפין אין נירגעץ ניט קיין פעסטען פונקט... אַזאַ מין לעבען, זעהסטו, רוף איך אונאָרדנונג."

און וואָס איז ווייטער?" האָב איך איהם געפרעגט, דען איך האָב נאָך אימער ניט בעגריפען, וואָרום ער פאָרט זיך צו צום דיכטער.

„וואָס עס איז ווייטער... כ'ווייס ניט, ווי אַזוי איך זאָל דיר זאָגען, איך קען ניט געפינען די ריכטיגע ווערטער... אָבער איך מיין גלאָט, ווען אַ דיכטער וואָלט געקומען און וואָלט געזעהען ווי איך טרייב מיר אַרום.. אפשר וואָלט ער מיר געקענט ערקלערען מיין לעבען... וואָס דיינקסטו דו דערפון? .."

איך בין געווען דער מיינונג, אַז איך אַליין וואָלט איהם געקענט אויפקלערען וועגען זיין לעבען און עס האָט מיר אויסגעוויזען זעהר אַ לייכטע און איינפאַכע זאַך צו זיין, איך האָב איהם אָנגעפאַנגען צו דערצעהלען וועגען דעם איינפלוס פון די אומשטענדע, וואָס רינגלען אַרום דעם מענשען, פון דער אונגלייכהייט אין אַלגעמיין, פון די אויסבייטער און די בערויבטע א, ז. וו.

קאָנאָוואַלאָוו האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט. ער איז געזעסען געגען מיר אָנגעשפּאַרענדיג דעם קאָפּ אויף זיינע הענד און זיינע גרויסע, קלוגע, מעלאַנכאָלישע אויגען זיינען פון צייט צו צייט איבערצויגען געוואָרען ווי מיט אַ טומאַן. די קנייטשען אויף זיין שטערען זיינען געוואָרען טיפער און עס האָט אויסגעזעהען, ווי ער וואָלט איינגעהאַלטען דעם אָטעם, אום צו פערשטעהען דעם זין פון מיינע ווערטער.

זיין אויפמערקזאַמקייט האָט מיר געמאַכט שטאָלץ: איך האָב איהם פאָרגעשטעלט דאָס העסליכע בילד פון זיין לעבען און האָב איהם אויפגעוויזען, דאָס ער איז ניט פעראַנטוואָרטליך פאַר זיין מאָראַלישען צושטאַנד, איך האָב איהם ערקלערט, דאָס ער איז אייגענטליך נאָר דער לאָגישער פראָדוקט פון פערשירענע געזעלשאַפטליכע אורזאַכען, דער אונגליקליכער

אָפּפּער פֿון די אומשטענדע, אַ מענש, וועלכען די נאַטור האָט געגעבען די גלייכע רעכטע ווי אַלע אַנדערע, נאָר דורך די לאַנגע יאָהרען פֿון היסטאָרישע אונגערעכטיגקייט האָט מען פֿון איהם געמאַכט אַ נול אַ גאָר ניט.

„דו האָסט ניט פֿאַרוואָס דיר זעלבסט צו בעשולדיגען... דו ביזט דער יעניגער מענש, וועלכער איז אונגערעכט בעהאַנדעלט געוואָרען!“ מיט דיזע ווערטער האָב איך געענדיגט מיין דרשה.

קאָנאָוואַלאָוו האָט ניט גערעט קיין וואָרט און האָט די גאַנצע צייט די אויגען פֿון מיר ניט אַראָבגענומען. אַ גוטמוטיגער שמייכעל האָט געשפּילט אויף זיינע ליפּען און איך בין נייגיריג געוועזן, צו וויסען וואָס ער וועט מיר ענטפֿערען. ער האָט זיך צו מיר צוגערוקט און לייגענדיג זיין שווערע האַנד אויף מיין אַקסעל, האָט ער געזאָגט:

„ווי לייכט און איינפֿאַך דיין רעדע האָט זיך דיר אַרויסגעקייקעלט פֿון מויל, ברודער! ווער האָט עס דיר אַלעס געזאָגט? פֿון די ביכער האָסטו דאָס אַרויסגעלעזען?... האָסט געמוזט לעזען אַ היבשע ביסעל... אַך, איך ווינש, אַז איך וואָלט אויך געקענט ביכער לעזען... אָבער דו ביזט מיר אַ צו גוטינקער, ברודער ... עס איז דעם ערשטען מאָל, וואָס איך האָב געהערט אַ מענשען אַזוי רעדענדיג. אַ וואונדערליכע זאַך— די מענשען וואַרפֿען פֿאַר זייער אונגליק איינער אויף דעם צווייטען און דו וואַרפֿסט אלעס אַרויף אויף די אומשטענדע. נאָך דיין מיינונג קומט אויס, אַז דער מענש אַליין איז אין גאָר ניט שולדיג, עס איז איהם בעשערט פֿון געבאָרענהייט אָן צו ווערען דאָס וואָס ער איז: איז איהם בעשערט צו ווערען אַ בראָדיאַגע, ווערט ער אַ בראָדיאַגע... דאָס זעלבע איז מיט די גנבים: ווען זיי האָבען ניט קיין אַרבייט— און לעבען מוזען זיי דאָך— גנב'ענען זיי... ווי געפֿיהלפֿאָל דאָס קלינגט אַלעס, ווי עס זעהט אויס, האָסטו אַ זעהר שוואַכע האַרץ, ברודער“.

„דו דענקסט אַלזאָ דאָס איך בין גערעכט דען?“ האָב איך איהם געפֿרעגט.

„דו מוסט דאָך אַליין בעסער וויסען, צו דו ביזט גערעכט אָדער ניט... ביזט דאָך אַ געלערענטער... מעגליך, אַז דו האָסט רעכט וועגען די אַנדערע, נאָר וואָס מיר אנבעטרעפֿט...“

„נו, וואָס איז דען מיט דיר?“

„ביי מיר ליגט די זאַך גאַנץ אַנדערש. ווער איז דען שולדיג, אַז איך טרינק? פּאַוועלקאַ מיין ברודער טרינקט קיינמאָל ניט— ער האָט אין פּערם זיין אייגענע בעקעריי. איך בין געווים קיין ערגערער בעל מלאכה פֿון איהם איך בין געוואָרען אַ וואַגאַבונד, אַ שיכור אָהן אַ היים... און דאָך זיינען מיר

קינדער פֿון איין מוטער — און ער איז נאָך דער איינגערער פֿון אונז ביידע. עס פֿעהלט מיר אַלזאָ געוויס עטוואָס... איך בין געקומען צו דער וועלט ווי אַלע מענשען... דו מיינסט, אַז אַלע מענשען זיינען גלייך אין דער וועלט, זיי ווערען געבאָרען, לעבען אַ געוויסע צייט און שטאַרבען אַוועק... מיט מיר שיינט די זאַך אָבער אַנדערש צו זיין... ניט אַליין מיט מיר... מיט פֿילע אַנדערע דאָס זעלבע... מיר זיינען מענשען פֿון אַן אַנדער זאָרט, וועלכע קענען זיך ניט צופּאַסען צו קיין אָרדנונג... מיט אונז מוז מען זיך אַנדערש אָברעכענען... מען מוז אויך מאַכען פֿאַר אונז אַנדערע געזעצע, זעהר שטריינגע געזעצע — אום מיר זאָלען אויסגעמעקט ווערען פֿון דער וועלט. דען מיר ברייגנען ניט קיין נוצען אויף דער ערד, מיר נעהמען נאָר פֿון אַנדערע אַוועק דעם פּלאַץ און פֿערשטעלען זיי דעם וועג. ווער איז שולדיג אין דעם, וואָס מיר זיינען אַזוי? מיר אַליין און קיין אַנדערער איז פֿעראַנטוואָרטליך פֿאַר דעם: דען מיר האָבען ניט קיין לוסט צום לעבען און קיין געפֿיהל פֿאַר אונז זעלבסט. ווי עס וויזט אויס האָבען אונזערע מוטערס געבאָרען אין אַן אונגליקליכע שטונדע..."

איך בין גאַנץ איבעראַשט געוועזען פֿון דיזע אונערוואַרטעטע בעמערקונגען. ער, דער ריעז מיט קלאָרע קינדערעשע אויגען האָט זיך איינפֿאַך אויסגעשלאָסען אויס דער געמיינשאַפֿטליכקייט פֿון לעבען, ער האָט זיך אַליין אַריינגערעכענט אין די צאָהל פֿון די איבערפֿליסיגע, וועלכע זיינען ניט ווערטה צו עקזיסטירען און ער האָט עס געטהאָן אָהן ביטערקייט, אָהן האַס צו די אַנדערע, אַזוי ווי מען טהוט אַ זעלבסטפֿערשטענדליכע זאַך. איך האָב זיך בעגעגענט מיט פֿילע בראָדיאַגעס אין מיין לעבען, אָבער אַזאַ פֿאַל האָט מיר געטראָפֿען דעם ערשטען מאָל. די מעהרסטע פֿון זיי זיינען אינדיווידוען, וועלכע זיינען אין כעס אויף דער גאַנצער וועלט, מענשען מיט פֿערביטערטע הערצער, וועלכע ציינען אַרויס ביי יעדער געלעגענהייט זייער פֿיינדשאַפֿט צו די אַנדערע. ביז אַהער בין איך זיך נור צוזאַמען געקומען מיט מענשען, וועלכע האָבען אָנגעקלאָגט די גאַנצע וועלט פֿאַר זייער פּערזענליכע ליידען, אָבער פֿון זיך אַליין האָבען זיי קיינמאָל ניט גערעט, זיך אַליין האָבען זיי געהאַלטען פֿאַר אונפֿעהלבאַר. זיי האָבען אַרויפֿגעלעגט די גאַנצע שולד אויף דאָס שטומע שיקזאַל און די בייזע מענשען, וועלכע האָבען פֿערגיפֿטעט זייער גאַנצען לעבען... קאָנאָוואַלאָוו האָט קיינעם ניט פֿעראַנטוואָרטליך געמאַכט פֿאַר זיין שיקזאַל. ער האָט זיך אַליין בעטראַכט פֿאַר דעם שולדיגען און וואָס מעהר איך האָב פֿערזוכט איהם צו בעווייזען, דאָס ער איז ניט מעהר ווי „דאָס אָפּפֿער פֿון די אומשטענדע," אַלס מעהר האָט ער זיך בעמיהט מיר צו איבערצייגען, דאָס ער אַליין איז

פֿעראַנטוואָרטליך פֿאַר זיין טרויעריגעם לעבען,

דאָס איז געווען אָריגינעל, אָבער טראָץ דעם האָט עס מיר שרעקליך אויפֿגערעגט. קאָנאָוואַלאָוו האָט געפֿונען אַ פֿערגעניגען אין דיזער ביטערער זעלבסט-קריטיק: זיינע אויגען האָבען געגלאַנצט ווי פֿון אַ מערקווירדיגען פֿייער און זיין שטימע האָט געציטערט פֿון אינערליכע אויפֿרעגונג, ווען ער האָט מיר ערקלערט;

„יעדער מענש איז זיין אייגענער הערר און קיינער איז ניט שולדיג אין דעם, וואָז איך בין אַ שופֿט!"

ווען אַ זאַגענאַנטער קולטור-מענש וואָלט גערעט צו מיר אַזעלכע ווערטער, וואָלט איך זיך ניט פֿערוואונדערט, דען עס גיט כמעט קיין מכה ניט אין דער גאַנצער וועלט, וועלכע מען קען ניט געפֿינען ביי אונזער „אינטעליגענץ," אָבער הערענדיג דיזע ווערטער פֿון אַ בראָדיאַגע, אַ וואַגאַבונד, האָט עס מיר זעהר איבעראַשט, אָבוואָהל קאָנאָוואַלאָוו אַליין איז אויך געווען אַן אינטעליגענץ צווישען יענע נאַקעטע, הונגעריגע און פֿערביטערטע שטיף-קינדער פֿון דער געזעלשאַפֿט וועלכע פֿיהרען אַ האַלבמענשליכע און אַ האַלב-טהיערישע עקזיסטענץ אין דיא שמוציגע ווינקלען פֿון די שטעט — — איך האָב אָנגעהויבען צו בעגרייפֿען, אַז דיזער מענש איז אַ קאַפּיטעל פֿאַר זיך אַליין און דעם אמת רעדענדיג, בין איך ניט צופֿרידען געווען פֿון דיזער ענטדעקונג.

אויסערליך האָט קאָנאָוואַלאָוו אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ ריכטיגען בראָדיאַגע, אָבער וואָס מעהר איך האָב איהם דערקענט, אַלס מעהר האָב איך איינגעזעהען, וואָס פֿאַר אַן אויסערגעוועהנליכער מענש ער איז געווען. דיזע ענטדעקונג האָט מיר געמאַכט איבערבייטען מיין מיינונג וועגען די זאָרט מענשען, וועלכע מען האָט שוין לאַנג געדאַרפֿט גערעכטער בעאורטהיילען אַלס אַ בעזונדערע קלאַס אין דער געזעלשאַפֿט אַ קלאַס פֿון הונגעריגע, פֿערביטערטע, אָבער אויף קיין פֿאַל קיינע דומע מענשען,

אונזער דיסקוסיאָן איז געוואָרען אימער היציגער.

„אָבער ווי אַזוי קען דען אַ מענש פֿעסטשטעהען אים לעבען, ווען אַ פֿינסטערע מאַכט רינגעלט איהם אַרום פֿון אַלע זייטען!" האָב איך זיך אָנגעשריען אויף איהם.

„דאַן זאָל ער זיך שטאַרקער אַנטקעגען שפּאַרען!" האָט קאָנאָוואַלאָוו געענטפֿערט און זיינע אויגען האָבען געבליצט פֿון אינערליכער אויפֿרעגונג.

„געגען וואָס זאָל ער זיך דען אָנשפּאַרען?"—

„זאָל ער זיך זוכען אַן אָנהאַלטונג, ווי זיך אָנצושפּאַרען!"

„אָבער וואָרום האָסט דו זיך אַליין ניט געזוכט קיין אָנהאַלטונג?"

„וואונדערליכער מענש, וואָס דו ביסט. דערפֿאַר בין איך דאָך שולדיג. וואָס איך געפֿין מיר אַזוי שלעכט. כ'האָב ניט געפֿונען קיין אָנהאַלטונג... איך זוך און זוך, אָבער אַלעס איז אומזיסט."

עס איז געווען די העכסטע צייט, אַז מיר זאָלען זיך אומזעהען וועגען אונזער ברויט, און אַזוי האָבען מיר זיך ווייטער גענומען צו דער אַרבייט פֿאָרטזעצענדיג אונזער דיסקוסיאָן מיט דער זעלבער־היציגקייט ווי בעפֿאָר. נאַטירליך האָט זיך קיינער ניט געלאָזט איבעררייידען פֿון'ם אַנדערען און צו לעצט, ווען דער לעצטער גאַנג ברויט איז פֿאַרטיג געוואָרען, האָבען מיר זיך ביידע אַוועקגעלייגט אָברוהען אויף אַ פּאָר שטונדען.

קאָנאָוואַלאָוו האָט זיך אויסגעצויגען אויף דער ערד און איז באַלד ענטשלאָפֿען געוואָרען. איך בין געלעגען אויף די זעק מעהל און מיין בליק האָט זיך געווענדעט נאָך דער מעכטיגער געשטאַלט פֿון דעם שלאָפֿענדען ריעז. אַ שטאַרקער גערוך פֿון פֿרישען ברויט, זויערע טייג און קוילען־רויך האָט זיך געהערט אין דער איינגער בעקערייי...

אין דרויסען האָט עס שוין אָנגעפֿאַנגען צו טאָגען. דורך די שמאָלע פֿענסטער, וועלכע זיינען געווען פֿול בעדעקט מיט מעהל־שטויב, האָט מען דערזעהען דעם גרויען הימעל. אַ וואָגען איז דורכגעפֿאָרען פֿערביי דעם הויז. דער פֿאַסטוך האָט צוזאַמען גערופֿען די טשערעדע מיט זיין פייפֿעל.

קאָנאָוואַלאָוו איז געלעגען און האָט געכראָפּעט. איך האָב געזעהען, ווי זיין ברייטע ברוסט האָט זיך געהויבען און איך האָב געטראַכט, ווי אַזוי איך וואָלט איהם געקענט אָם שנעלסטען און זיכערסטען בעקערען צו מיינע אַנזיכטען. ניט געפֿינענדיג קיין ענטפֿער אויף דיזע פֿראַגע בין איך ענד־ליך ענטשלאָפֿען געוואָרען.

אויף מאָרגען אין דער פֿריה האָבען מיר זיך אויפֿגעהויבען צורעכט געמאַכט דאָס טייג און אונז אַרומגעוואַשען: נאָכדעם האָבען מיר זיך גע־זעצט אויף די קעסטלעך טרינקען טעה,

„האָסטו נאָך אַנדערע ביכער?" האָט מיר קאָנאָוואַלאָוו געפֿרעגט.

איך האָב איהם געענטפֿערט אַז יאַ.

„ועסטו מיר ווידער עפּעס פֿאָרלעזען?"

„אויב דו ווילסט עס..."

„געוויס לעז נאָר עפּעס! ווייסטו וואָס איך וויל דיר נאָר זאָגען? ווען דער מאָנאַט וועט זיך ענדיגען, וועל איך מיר לאָזען געבען געלט פֿון בעל הבית און וועל דיר געבען אַ העלפֿט.

„צו וואָס?"

„דו זאָלסט ביכער קויפֿען דערפֿאַר... קויף עטליכע, וואָס וועלען דיר געפֿעלען... און פֿאַר מיר קויף אויך צוויי אָדער דריי... פֿאַר מיר זאָלסט דו קויפֿען אַזעלכע, וואו עס איז געשריבען פֿון פּויערים... פֿון דער זעלבער זאָרט ווי דאָס בוך פֿון פּילאַ און סיסאָיקאַ... אָבער עס מוז געשריבען זיין מיט געפֿיהל, פֿערשטעהסט דו מיך— ניט אויף אַזאַ מין לעבערליכע אַרט... עס געבען געגנוג ביכער, אָבער פֿילע פֿון זיי טויגען אויף כפּרות. איך האָב צ. ב. ש. געזעהען אַ בוך פֿון פּאַנפֿילקאַ און פֿילאַטקאַ, עס איז זאָגאַר געווען מיט אַ בילד, אָבער לויטער נאַרישקייטען איז אין דעם געווען „פּאַשעראַנצו" רופֿט עס זיך. איך האָב ניט ליעב די זאָרט ביכער, איך האָב איבערהויפּט ניט געוואוסט, אַז עס גיט אַזעלכע ביכער ווי דיינע..."

„אפֿשר ווילסט דו הערען אַ בוך פֿון סטענקאַ ראַסין?"*)

„פֿון סטאַנקאַ?... איז עס שעהן?"

„זעהר שעהן!" האָב איך געענטפֿערט.

„דאַן לעז עס פֿאַר."

אין אַ פֿאַר מינוטען ארום האָב איך אָנגעהויבען איהם פֿאָרצולעזען קאָסטאָמאַראָוו'ס היסטאָרישע סטודיע: „דער אויפֿשטאַנד פֿון סטענקאַ ראַסין. אין אָנפֿאַנג האָט דאָס טאַלענטפֿאָל געשריבענע בוך, וועלכעס האָט כמעט געקלונגען ווי אַן עפּישער געדיכט, אויף מיין צוהערער ניט געמאַכט קיין בעזונדערען איינדרוק.

„וואַרום גיט עס דען אין דעם ניט קיינע געשפּרעכע?" האָט ער געפֿרעגט, אַריינקוקענדיג אין בוך.

ווען איך האָב אָנגעפֿאַנגען איהם די זאַך צו ערקלערען, האָט ער זאָגאַר געגענעצט.

ער האָט פּראָבירט זיך בעהאַלטען מיט זיין גענעצען, אָבער עס האָט איהם ניט געלונגען און ער האָט געזאָגט צו מיר פֿערשעמטערהייט:

„לעז נאָר ווייטער... עס אינטערעסירט מיך"

מיר איז זעהר געפֿעהלען געוואָרען זיין פֿיינפֿיהלענדע צאַרטקייט און איך האָב זיך געמאַכט, וויא איך וואָלט ניט געזעהען.

אימער קלאָרער און דייטליכער האָט דער היסטאָריקער פֿאָרגעשטעלט אין זיין בילדערררייכע שפּראַכע די שטאָלצע, מענליכע ערשיינונג פֿון סטעפֿאַן טימאָפֿעיעוויטש, דעם פֿירסט פֿון דיא פֿרייע וואָלגאַ-קאָזאַקען, און וואָס ווייטער איך האָב געלעזען, אַלס מעהר האָט זיך קאָנאָוואַלאָוו פֿערענדערט.

*) סטענקאַ ראַסען איז געווען דער פֿיהרער פֿון אַ גרויסען קאָזאַקען-אויפֿשטאַנד אין 17 טען יאַ רהונדערט

ווען איך האָב אָנגעפאַנגען לעזען, האָט ער זיך צוגעהערט מיט גלייכ־גילטיגע, שלעפּעריגע אויגען, אָבער וואָס ווייטער איז זיין גייסט מעהר צוגעבונדען געוואָרען צו דעם וואונדערבאַרען בוך. ער איז געזעסען נעבען מיר אויף'ן קאַסטען, האָט אַרומגענומען די קניע מיט זיינע געזונדע הענד און זיין לאַנגע באָרד האָט כמעט אין גאַנצען פערדעקט זיינע פיס. זיינע ברעמען זיינען געווען צוזאַמענגעצויגען און זיינע גליהענדע אויגען האָבען אויסגעזעהן, ווי זיי וואָלטען מיר געוואָלט איינשלינגען זיין געוועהנליכע קינדערעשע נאַאיוויטעט, דער צאַרטער אויסזעהן, וואָס האָט זיך אַזוי גוט צוגעפּאַסט צו זיינע זאַנפטע, בלויע אויגען, איז אין גאַנצען פערשוואונ־דען געוואָרען און אין זיין געזיכט האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אַ פינסטערער פאַטאַליסטישער אויסדרוק.

„לעז דאָך!" האָט ער געזאָגט שטילערהייט, אָבער מיט ענערגיע.

„וואָס איז דען מיט דיר?" האָב איך איהם געפרעגט.

„לעז ווייטער!" האָט ער מיר אונגעדולדיג געענטפערט.

איך האָב ווייטער געלעזען און פון צייט צו צייט האָב איך אויף איהם אַ בליק געוואָרפען, זעהענדיג, ווי ער איז אימער מעהר דערהיצט געוואָרען. זיין הייסער, אויפגערעגטער צושטאַנד איז ביסלעכווייז אויך אויף מיר אי־בערגאַנגען— איך האָב זיך געפיהלט, ווי פון אַ הייסען טומאַן אַרומגענו-מען און דער אינהאַלט פון דעם מערקווירדיגען בוך האָט בעגייסטערט מיין גאַנצע זעלע. אַזוי בין איך אָנגעקומען מיט אַ פיבערהאַפטער אונ־געדולד צו דעם פונקט, ווען סטענקאַ ראַסין איז געפאַנגען געוואָרען.

„אַלזאָ האָט מען איהם דאָך געפאַנגען גענומען!" האָט קאָנאָוואַלאָוו אַ געשריי געטהאָן...

שמערץ, קריינקונג, צאָרען און דער וואונש סטענקאַ'ן צו בעפרייען האָבען זיך אַרויסגעהערט אוים דיזע ליידענשאַפטליכע ווערטער,

זיין געזיכט האָט זיך בעדעקט מיט שוויים און זיינע אויגען האָבען געבליצט. מיט ווילדע ענערגיע האָט ער זיך אויפגעהויבען פון קאַסטען און אַרויפליינענדיג זיין שווערע האַנד אויף מיין אַקסעל, האָט ער געשריען.

„וואַרט אַ ווײַלע! לעז יעצט ניט ווייטער... דערצעהל מיר בעסער, וואָס עס וועט זיין די ענדע... ניין דערצעהל מיר קיין זאַך ניט...! דו הערסט? דו זאָלסט מיר גאָר ניט דערצעהלען... זיי וועלען איהם טויטען?. לעז דאָך, מאַקסים! לעז ראָך ווייטער, איך בעט דיר, שנעלער, גיכער!..."

אַ פיבערהאַפטע אויפרעגונג האָט דורכגענומען זיין גאַנצען קערפּער, מען האָט געקענט גלויבען, אַז ניט פראָלקאַ*), זאָנדערן מיין פריינד קאָנאָוואַלאָוו

*) פראָלקאַ איז געווען דער ברודער פון סטענקאַ ראַסין, דו היסטאָריקער שטע־לען איהם פאָר אלס אַ גרויסען פייגלינג.

איז געווען דער ברודער פֿון סטענקאַ ראַסין. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַלס ווען דיזער איינפֿאַכער בראָדיאַגע וואָלט פֿערבונדען געווען מיט אייזער־נע קייטען, קייטען, וועלכע די יאָהרהונדערטע האָבען ניט געקענט צורייסען, מיט דעם רוסישען פֿאָלקס-העלד סטענקאַ ראַסין: קאָנאָוואַלאָוו, דער וואַגאַ־בונד האָט מיט געפֿיהלט מיט דער גאַנצער קראַפֿט פֿון זיין ריזיגען קערפער און מיט דער הייסער, ברענענדיגער ליידענשאַפֿט פֿון זיין אַרעמע, צובראָכענע נשמה דעם שמערץ און צאָרען פֿון דעם „פֿרייען אָדלער,“ וועלכער איז מיט 300 יאָהר צוריק אַריינגעפֿאַלען אין די הענט פֿון זיינע פֿיינד,

„לעז דאָך ווייטער! לעז, זאָג איך דיר!...“

איך האָב אָנגעפֿאַנגען ווייטער צו לעזען: די האַרץ איז מיר באַלד צער־שפּרינגען געוואָרען פֿון אויפֿרעגונג און צוזאַמען מיט קאָנאָוואַלאָוו האָב איך דורכגעלעבט די גאַנצע ליידענס-געשיכטע פֿון דעם גרויסען רעבעל, ענדליך בין איך געקומען צו דער סצענע פֿון סטענקאַ ראַסין׳ס מאַטערניש.

קאָנאָוואַלאָוו האָט געקריצט מיט די ציינער און אין זיינע גרויסע בלויע אויגען האָט געגלאַנצט אַ דעמאָנישע ליידענשאַפֿט. ער איז געשטאַנען הינ־טער מיר און זיין בליק איז געווען ווי צוגעשמידט צו דעם בוך. איך האָב גע־פֿיהלט זיין הייסען אָטהעם, וועלכער האָט מיר די האָר אַריינגעבלאָזען אין געזיכט. ווען קאָנאָוואַלאָוו האָט עס בעמערקט, האָט ער מיר אַרויפֿגעלעגט זיין שווערע האַנד אויף׳ן קאָפּ, און, פּלוצלונג בין איך געקומען צו די ווערטער:

„און סטענקאַ ראַסין האָט אַזוי שטאַרק געקריצט מיט די ציינער, אַז ער האָט זיי אויסגעשפּיגען צוזאַמען מיט דעם בלוט“...

„הער אויף צו לעזען!... טייוועל איינער!“ האָט קאָנאָוואַלאָוו אַ געשריי געטאָהן. ער האָט מיר אַרויסגעריסען דעם בוך פֿון די הענד און האָט אַ שליידער געטאָהן אין אַ ווינקעל דאַן האָט ער זיך אַליין אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד.

ער האָט געוויינט ווי אַ קינד, נאָר שעמענדיג זיך פֿאַר מיר, האָט ער דערשטיקט זיינע טרעהרען אין אַ וואַנזיניגען געשריי. ער האָט גענומען דעם קאָפּ צווישען די קניע און האָט אָבגעווישט זיינע אויגען מיט זיינע שמוציגע קליידער,

איך בין געזעסען אויף׳ן קאַסטען און האָב ניט געוואוסט, ווי אַזוי איך קען איהם געבען א טרייסט.

„מאַקסים!“ האָט קאָנאָוואַלאָוו פּלוצלונג געשריען „עס איז שרעקליך... פֿילאַ... סיסאָקאַ... און יעצט דער סטענקאַ... וואָס פֿאַר אַ לעבען... ווי ער האָט אויסגעשפּיגען זיינע ציינער... אָ!...“

זיין גאַנצער קערפּער האָט געציטערט פֿון אויפֿרעגונג.

די בעשרייבונג ווי סטענקאַ ראַסין האָט אויסגעשפּיגען זיינע ציינער האָט געמאַכט אַ גאַנץ בעזונדערען איינדרוק אויף איהם, ער האָט ווידער אָנגעפאַנגען ריידען פֿון דאָס ניי וועגען דעם און אַ קראַמפּף האָט דורכגענומען אַלע זיינע גלידער.

מיר זיינען ביידע געווען ווי בעטרונקען, לעזענדיג די איינצעלהייטען פֿון דער גרויזאמער מאַרטערניש, וועלכע סטענקאַ האָט געמוזט ערטראָגען.

„לעז עס מיר נאָך אַ מאָל פֿאָר!" האָט זיך קאָנאָוואַלאָוו געבעטען ביי מיר, און ער האָט אויפֿגעהויבען דעם בוך פֿון דער ערד און האָט איהם מיר צוריקגעגעבען.

„ניין, צייג מיר צוערשט דעם פּלאַץ, וואו עס געפֿינט זיך די געשיכטע וועגען די ציינער".

איך האָב איהם אָנגעצייגט דעם אָרט און זיינע אויגען האָבען געגלאַנצט, פּונקט ווי זיי וואָלטען איינשלינגען די בוכשטאַבען.

„אַזוי שטעהט עס טאַקע אין בוך? „ער האָט אויסגעשפּיגען זיינע ציינער צוזאַמען מיט'ן בלוט?" אַ וואונדערליכע זאַך, עס זיינען דאָך די זעלבע בוכשטאַבען, ווי אַלע אַנדערע... ליבער גאָט! וואָס פֿאַר שמערצען ער האָט געמוזט פֿיהלען! זאָגאַר די ציינער... און וואָס וועט נאָך ווייטער קומען? וועלען זיי איהם שוין ענדליך טויטען? אַך! גאָט צו דאַנקען, דאָס ער וועט שוין בעפֿרייט ווערען פֿון זיינע שמערצען!"

ער האָט זיך געפֿרייט צוליב סטענקאַ'ן אַז דער טויט וועט שוין ענדיגען זיינע ליידען און דער אויסדרוק פֿון זיין פֿריידע איז געווען אַזוי ליידענשאַפֿטליך, דאָס עס האָט מיך אָנגעכאַפּט ביי'ן האַרצען, זעהענדיג אַזוי פֿיל ריינעם מיטגעפֿיהל.

דער גאַנצער טאָג איז אונז פֿאַרבייגעגאַנגען ווי אַ חלום: מיר האָבען די גאַנצע צייט גערעדט נאָר פֿון סטענקאַ ראַסין, וועגען אַלע איינצעלהייטען פֿון זיין לעבען און האָבען זיך דערמאָהנט אין אַלע פֿאָלקס־ליעדער, וועלכע בעזינגען זיינע העלדענטהאַטען. עטליכע מאָל האָט קאָנאָוואַלאָוו אָנגעפֿאַנגען צו זינגען אַ ליעד, ער האָט אָבער אימער באַלד אויפֿגעהערט.

זייט דעם טאָג איז אונזער פֿריינדשאַפֿט געוואָרען נאָך הערצליכער ווי בעפֿאָר.

IV,

איך האָב נאָך איינינע מאָל פֿאָרגעלעזען פֿאַר קאָנאָוואַלאָוו דעם „אויפֿשטאַנד פֿון סטענקאַ ראַסין." נאָך דעם האָב איך מיר גענומען צו גאָגאָל'ס „טאַראַס בולבאַ" און די „אָרעמע מענשען" פֿון דאָסטאָיעווסקי. טאַראַס בולבאַ איז אויך זעהר געפֿעלען געוואָרען מיין צוהערער, דאָך

האָט ער ניט געקענט אַריבערשטייגען דעם טיפֿען איינדרוק, וואָס די געשיכטע פֿון סטענקאַ ראַסין האָט אויף איהם געמאַכט, נאָר פֿאַר מאַקאַר דיעוואושקין און וואַריאַ, די העלדען פֿון דאָסטאָיעווסקי'ס ראָמאַן האָט קאָנאָוואַלאָוו ניט געהאַט קיין פֿערשטענדניס. דער אינהאַלט פֿון מאַקאַר'ס בריף איז ביי איהם אויסגעקומען לעכערליך און פֿון וואַריאַ האָט ער זיך אין גאַנצען אויסגעלאַכט.

„זעה נאָר ווי זי וויל זיך צו חנפֿ'ענען צו דעם אַלטען!" האָט ער געזאָגט. חיטרע מחשבות! און ער... אַ ריכטיגער גולם! העלער שוין בעסער אויף מיט דיזער נאַרישער געשיכטע... זיי ווילען חתונה האָבען ביידע, דאָס איז אַלעס. אַן עבירה דאָס פּאַפּיר! ס'איז ניט צום וויינען און ניט צום לאַכען!... צו וואָס איז דאָס אין גאַנצען געשריבען?"

איך האָב איהם דערמאָהנט אין פּילאַ און סיסאָיקאַ, זיינע ליבלינגע און אין דעם עהנליכען גרונד־געדאַנק פֿון דער פּאָדליפּאָווצי." ער האָט אָבער געהאַט אַ גאַנץ אַנדערע מיינונג.

„פּילאַ און סיסאָיקאַ — דאָס איז גאָר אַ גאַנץ אַנדערע זאַך! דאָס זיינען דאָך ווירקליכע מענשען וועלכע לעבען און קעמפּפֿען... אָבער די דאָ? שרייבען זיך בריף... ס'איז איינפֿאַך לאַנגווייליג! איך דענק, אַז דאָס זיינען איבערהויפּט גאָר ניט קיין מענשען, ס'איז איינפֿאַך אַן אויסגעקלעהרטע מעשה. ווען מען פֿערגלייכט זיי מיט סטענקא ראַסין אָדער טאַראַס בולבאַ... די האָבען דאָך בעגאַנגען טהאַטען, און נאָך וואָס פֿאַר טהאַטען זיי וואָלטען זאָגאַר געקענט אויפֿמונטערען פּילא און סיסאָיקאַ—ווי?"

ער האָט איבערהויפּט ניט געהאַט קיין ריכטיגע פֿאָרשטעלונג פֿון דער צייט, ווען די פֿערשידענע פּערזאָנען האָבען געלעבט. אין זיינע געדאַנקען האָבען אַלע דיזע ליבלינגס־העלדען געלעבט אין דער זעלבער צייט, נאָר אין פֿערשידענע פּלעצער, און עס האָט מיר געקאָסט פֿיהל מיה, איהם אַלעס ריכטיג צו ערקלעהרען, ווען ער האָט שוין ענדליך בעגריפֿען, האָט עס איהם שטאַרק פֿערדראָסען, דאָס אַזעלכע טהייערע מענשען זאָלען גאָר ניט קענען צוזאַמען קומען. ווי גרויסאַרטיג ער האָט זיך אויסגעמאָלט דעם בילד פֿון אַזאַ צוזאַמענזיין און צולעצט מוז איך קומען און גרויזאַם פֿערניכטען אַלע זיינע פֿאַנטאַזיעס...

איך האָב אויך פּרובירט איהם בעקאַנט צו מאַכען מיט דעם אויפֿשטאַנד פֿון פּוגאַטשעוו, דאָך מיט דעם האָט ער זיך גאָר ניט אינטערעסירט, יעמעליאַן*) האָט ער זאָגאַר געשאָלטען.

*) יעמעליאן פוגאטשעוו האָט זיך אויסגעגעבען פֿאר פעטער דעם דריטען, אום צו געווינען אויף דיזער וועיזע אנהיינגער פֿאר דעם אױפשטאנד.

„לאָז מיר צופֿרידען מיט פּוגאַטשעוו!" האָט ער געזאָגט, „אויך מיר אַ מענש! האָט זיך נעגעבען דעם נאָמען פֿון צאַר, און דאָס פֿאָלק דערמיט אויפֿצורייצען... ווי פֿיל מענשען ער האָט פֿערניכטעט, דער הונד!... סטענקאַ, זעהסט דו, דאָס איז געווען אַ גאַנץ אַנדערע זאַך!... אָבער פּוגאַטשעוו?... אַן אינסעקט, ווייטער גאָר ניט... האָסט דו ניט נאָך אַזעלכע ביכער, ווי דאָס פֿון סטענקאַ! זוך דאָך נאָך אַזעלכע אויס! אָבער דעם מאַכאַר, מיט דעם זועל-קאָפּ לאָז מיר צופֿרידען, ער איז צו לאַנגווייליג, לעז בעסער נאָך אַ מאָל, ווי זיי האָבען געמערדערט דעם ראַסינען..."

ווען עס איז געקומען אַ יום טוב, בין איך אַוועקגעגאַנגען מיט קאָנאָוואַלאָוו פֿון יענער זייט טייך, אין די גרינע וועלדלעך. מיר האָבען מיט זיך גענומען ברויט, שנאַפּס און אַ בוך, ווען מיר האָבען געמאַכט אַ „וויזיט ביי דער מוטער נאַטור", ווי קאָנאָוואַלאָוו האָט עס אָנגערופֿען. אָפֿטמאָל האָבען מיר אויך געמאַכט אַ בעזוך אין דעם „גלאַזהייזעל." אַזוי האָט מען גערופֿען אַן אַלטע צובראָכענע הויז — איך וויים ניט פֿאַר וואָס — וועלכע איז געשטאַנען אים פֿרייען פֿעלד, ניט ווייט פֿון שטאָט. עס איז געווען אַ הויז פֿון דריי עטאַזשען. מיט אַן איינגעפֿאַלענעם דאַך, צובראָכענע פֿענסטער און טיפֿע קעלערס, פֿון וועלכע עס האָט זיך געהערט וועהרענד דער זומער-צייט אַן אונאַנגענעהמער גערוך פֿון שימעל און נאַסקייט. די האַלב-איינגעפֿאַלענע חורבה מיט איהרע פֿערשימעלטע ווענד האָט געקוקט מיט די שוואַרצע, פּוסטע פֿענסטער-לעכער איבער די פֿעלדער צום שטאָדט, ווי אַן אונגליקליכער קריפּעל, וועלכער ערוואַרטעט זיין טרויעריגע ענדע אויפֿ'ן פֿרייען פֿעלד, ווייל מען האָט איהם פֿערטריבען פֿון שטאָדט. יעדעם יאָהר, ווען דאָס געוועסער איז געקומען איז דאָס איינזאַמע הויז אימער האַלב פֿערטרונקען געוואָרען, אָבער דאָך איז עס נאָך שטאַרק גענוג געווען, טראָץ דעם דיקען שימעל, וואָס האָט עס בעדעקט פֿון אויבען ביז אונטען. די קאַליזשעס. וועלכע האָבען דאָס הויז אַרומגערינגעלט פֿון אַלע זייטען, זיינען געוויסערמאַסען געווען די שוץ-גרובען געגען די עפּטערע וויזיטען פֿון דער פּאָליציי. אויפֿ דיזעם גרונד איז די „גלאַז-הייזעל" געווען אַ בעקוועמע וואָהנונג פֿאַר פֿערשידענע געהיימניספֿאָלע פּערזאָנען, וועלכע האָבען געהאַט אורזאַכען אויסצומיידען דיזע וויזיטען.

עס זיינען דאָרט שטענדיג געווען אַ שעהנע פּאָר פֿון זיי. אָבגעריסען, האַלב פֿערהונגערט. מורה האָבענדיג, פֿאַר דער ליכטיגער זון, האָבען זיי געלעבט אין דיזער חורבה ווי נאַכט-פֿייגעל. מיר ביידע, קאָנאָוואַלאָוו און איך, זיינען געווען ביי זיי אַנגעזעהענע געסט, ווייל יעדעם מאָל. ווען מיר האָבען פֿערלאָזען די בעקעריי, האָבען מיר מיטגענומען פֿאַר זיי צוויי

גרויסע לאַבען ברויט און אונטערוועגס האָבען מיר נאָך צוגעקויפט בראַנ־פען און אַ גאַנצען קאָשיק מיט לונג און לעבער, האַרץ און מילץ, מיט צוויי אָדער דריי רובל האָבען מיר אָנגעגרייט פאַר די „גלאַז־מענער" — ווי קאָנאָוואַלאָוו האָט זיי גערופען — א גרויסאַרטיגען מאָהלצייט און די אָרעמע, אויסגעהונגערטע געזעלשאַפט האָט זיך געלאָזט וואָהל געהן.

פאַר אונזער גוטסקייט האָבען זיי אונז דערצעהלט פערשידענע גע־שיכטען פון זייער לעבען, פערמישענדיג די הערצרייסענדע ווירקליכקייט פון לעבען מיט פאַנטאַסטישע און נאַאיווע ליגענס. יעדע פון דיזע ערצעה־לונגען האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי אַ בילד, אין וועלכען די שוואַרצע פאַרבען פון דער וואַה־הייט פערנעהמען דעם גרעסטען פלאַץ און די העלע פאַרבען פון דעם ליגען רייבען זיך אָב ווי אונפאַסענדע פערזיכערונגען. אזעלכע בילדער האָבען יעדעס מאָל געמאַכט אויף מיר אַ שטאַרקען איינ־דרוק מיט זייער מערקווירדיגע פערמישונג פון קוואַלפאָלע ווירקליכקייט און קינדערשע ערפינדונגען. די „גלאַז־מענער" האָבען אונז געליבט אויף זייער אַרט און אימער, ווען איך האָב עטוואָס פאָרגעלעזען, זיינען זיי גע־יוען אויפמערקזאַמע צוהערער. איין מאָל האָב איך זיי פאָרגעלעזען עט־ליכע קאַפּיטלעך פון נעקראַסאָוו'ס דיכטונג: „ווער לעבט גליקליך אין רוס־לאַנד?" און אויסער אַ גרויסען געלעכטער האָב איך נאָך געהערט פ זיי פיעלע ווערטפאָלע בעמערקונגען וועגען דיזער טהעמאַ.

יעדער מענש, וועלכער איז בעזיגט געוואָרען אים „קאַמפף אום דאַזיין" און וועלכער שמאַכטעט אים שמוץ פון לעבען אַלס אַ געפאַנגענער אָהן האָפנונג, איז אַ פיל גרעסערער פילאָזאָף אַלס אַ שאָפּענהויער, דען די אַבסטראַקטע אידעע קען קיין מאָל ניט אָננעהמען אַזאַ בעשטימטע און פערשטענדליכע פאָרם ווי דער געדאַנק, וועלכער איז דורך ליידען און שמערצען דירעקט אַרויסגעפרעסט געוואָרען פון'ם מענשען. די לעבענס־ערפאַרונג פון דיזע מענשען, וועלכע אַן אונבעגרייפליכע שיקזאַל האָט פערטריבען אויס דעם גאָרטען פון לעבען, האָט מיך אימער איבערראַשט, און איך האָב זיך שטענדיג אויפמערקזאַם צוגעהערט צו זייערע ערצעה־לונגען. קאָנאָוואַלאָוו האָט זיך בלויז צוגעהערט, אום צו אַטאַקירען די פי־לאָזאָפישע מיינונג פון די ערצעהלער און פון צייט צו צייט האָט ער אויך מיר צוגעוואָרפען אַ שטאָכוואָרט.

אָפטמאָל האָבען מיר געהערט, ווי אירגענד אַ פאַנטאַסטיש געקליי־דעטער וואַגאַבונד, וועלכען מען האָט ניט געדאַרפט אַריינלייגען קיין פינ־גער אין מויל, האָט אונז דערצעהלט די געשיכטע פון זיין לעבען און פון זיין מאָראַלישען אונטערגאַנג: אזעלכע ערצעהלונגען האָבען נאַטירליך

אימער געהאַט דעם כאַראַקטער פֿון אַ פֿערטהיידיגונגס רעדע און דער ערצעהלער איז שטענדיג געבליבען דער גערעכטער, קאַנאַוואַלאָו האָט אימער אויסגעהערט דיזע געשיכטען מיט אַ מעלאַנכאָלישען שמייכעל און האָט צווייפֿלענדיג צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

„דו גלויבסט מיר גאָר ניט, לעסאַ?" האָט דער ערצעהלער דאַן גע־וועהנליך געפֿרעגט מיט פֿערדרוס.

„ניין, געוויס גלויב איך דיר! ווי אַזוי קען מען ניט גלויבען אַ מענ־שען? אַפּילו ווען מען זעהט, דאָס ער זאָגט אַ ליגען, דאַרף מען איהם אויך גלויבען, ד. ה. מען זאָל איהם אויסהערען, אום צו פֿערשטעהן, וואַ־רום ער זאָגט ליגען... זעהר אָפֿט קען מען דעם ליגנער בעסער אַריינ־קוקען אין האַרצען ווי דעם אמת׳דיגען: ווען מיר וואָלטען אימער פֿון זיך געזאָגט די וואָהרהייט, ווי וואָלטען מיר דען אויסגעקוקט?... וויא ריכטיגע שופֿטען... אָבער ווען מיר ערצעהלען ליגענס, קענען מיר זיך אַזוי שעהן אויסמאָהלען וויא מיר ווילען איז ניט ריכטיג אַזוי?"

ס׳איז ריכטיג אַזוי!" האָט דער ערצעהלער איהם צוגעשטימט: „און האָט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, ווען איך האָב ערצעהלט... וואַרום האָסטו דאָס געטאָהן?" „וואַרום? ווייל דו קענסט ניט ריכטיג אורטהיילען .. ווען מען הערט דיר אויס קען מען גלויבען, אַז דו האָסט אַליין גאָר ניט גע־לעבט, דיין גאַנצער לעבען איז געמאַכט געוואָרען פֿון דיינע שכנים און פֿערבייגעהער, מיט וועלכע דו האָסט דיר צופֿעליגער ווייזע בעגעגענט. און וואו האָסטו דען געשטעקט אין דער גאַנצער צייט?... וואַרום האָסטו ניט געקעמפֿט געגען דיין שיקזאַל? ווי קומט עס, דאָס מיר קלאָגען זיך אימער אויף די אַנדערע, פּונקט ווי די אַנדערע וואָלטען זיך גאָר ניט געקענט אויף אונז בעקלאָגען? מען לאָזט אונז ניט ריכטיג לעבען און מיר לאָזען אַנדערע ניט לעבען, ווי עס דאַרף זיין... איז עס ניט ריכטיג?... נון זעהסטו... ווי זאָל מען דאַן ערקלעהרען?.."

„דאָס לעבען מוז אַזוי איינגעריכטעט ווערען, דאָס יעדער זאָל זיך פֿיהלען בעקוועם און קיינער זאָל דעם אַנדערען ניט שטערען," האָט קאַ־נאַוואַלאָו׳ס אָפּאָנענט געענטפֿערט.

„און ווער זאָל דען דאָס לעבען איינריכטען?" האָט קאַנאַוואַלאָו טרי־אומפֿירט און גראַדע ווי ער וואָלט מורא געהאַט, דאָס אַן אַנדערער וועט פֿערכאַפּען דעם ענטפֿער אויף דיזע פֿראַגע, האָט ער געשווינד אַליין צו־געלעגט: „ווער דען אַנדערש ווי מיר זעלבסט! ווי אַזוי זאָלען מיר איינ־ריכטען דאָס לעבען פֿון אַלעמען, ווען מיר אַליין פֿערשטעהען עס ניט און האָבען קאַליע געמאַכט אונזער אייגענעם לעבען? ווייזט זיך דאָך

אַרויס, מיינע טהייערע ברידער, אַז די צרה ליגט ביי אונז אַליין, נאָר אין אונז... און ווער מיר זיינען, ווייס דאָך יעדער..."

די אַנדערע האָבען נאַטירליך פּערזוכט זיך גירעכט צו מאַכען נאָר קאָנאָוואַלאָוו איז געבליבען ביי זיין מיינונג.

„קיינער איז ניט שולדיג, ווען עס געהט אונז שלעכט" האָט ער גע- זאָגט: „יעדער אײנער איז זעלבסט פּעראַנטוואָרטליך פאַר זיין לעבען!"

עס איז אונמעגליך געווען, איהם צו בעווייזען דאָס געגענטהייל און אויך פון אונז האָט זיך קיינער ניט געקענט צופּאַסען צו זיינע אַנזיכטען וועגען די מענשען. אין איין זייט האָט ער זיי געהאַלטען פאַר פעהיג איינ- צוריכטען אַ פרייען לעבען און אין דער אַנדערער זייט האָבען זיי איהם אויסגעזעהן ווי שוואַכע, אונמעכטיגע בעשעפּניסע, וועלכע זיינען צו קיין זאַך ניט פעהיג, ווי זיך איינער אויף דעם צווייטען צו בעקלאָגען. אָפּט- מאָל האָבען דיזע דיסקוסיאָנען אָנגעהאַלטען אַ האַלבע נאַכט, ביז מיר האָבען זיך ענדליך אומגעקעהרט אַהיים, בראָדזשענדיג ביז אין די קניע אין בלאָטע.

איינמאָל זיינען מיר באַלד אין אַ זומפּ אריינגעראָכען: איין אנדער מאָל האָט אונז די פּאָליציי אַרעסטירט צוזאַמען מיט אַלע איבעריגע איינ- וואָהנער פון'ם „גלאָז־הייזעל" און מיר האָבען געמוזט פערברייננגען די נאַכט אין טורמע.

ווען מיר האָבען ניט געהאַט קיין לוסט צו פילאָזאָפירען, האָבען מיר זיך אַרויסגעלאָזט אין די גרינע וועלדרעך פון יענער זייט טייך, אום צו פערגרעסערען אונזער פּאָטעטישע שטימונג, האָבען מיר אָנגעצונדען אַ קליינעם פייער צווישען די נידעריגע בוימער און האָבען געלעזען וועלכען עס איז בוך אָדער ערצעהלט וועגען לעבען. מאַנכעס מאָל האָט קאָנאָוואַלאָוו פּלוצלונג געזאָגט צו מיר;

„מאַקסים, זאָלען מיר אַרויפקוקען צום הימעל!"

מיר האָבען זיך אויסגעצויגען אויף'ן רוקען און אַרויפגעקוקט אין דער בלויער אונענדליכקייט. אין אָנפאַנג האָבען מיר נאָך געקענט הערען דעם גערויש פון די בוימער און דעם מורמלען פון די כוואַליעס: מיר האָבען געפיהלט די ערד אונטער אונז און די אַנוועזענהייט פון אַלעס, וואָס האָט אונז אַרומגערינגעלט: אָבער ביסלעכווייז האָט אונז דער בלויער הימעל צוגעצויגען צו זיך און האָט איינגעוויקעלט אונזערע געדאַנקען אין אַ טומאַן אַ וואונדערבאַר זיסער געפיהל האָט דורכגענומען אונזער גאַנצען קערפּער און עס האָט זיך אונז אויסגעדאַכט, אַז מיר שוועבען דורך דעם ווייטען הימעלס רוים אין דער גרענעצלאָזער אונענדליכקייט.

אַזוי זיינען מיר געבליבען ליגען שטונדענלאַנג, ניט רעדענדיג קיין וואָרט, ניט מאַכענדיג קיין בעוועגונג. דאַן זיינען מיר צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבייט, אויפגעלעבט גייסטיג און קערפּערליך דורך דיזע צאַרטע בעריהרונג מיט דער נאַטור.

קאָנאָוואַלאָוו האָט געליעבט די נאַטור מיט יענער טיפער, וואונדער־באַרער ליעבע, פאַר וועלכע עס גיט ניט קיינע ווערטער, נאַר אין דעם צאַרטען גלאַנץ פון זיינע גרויסע בלויע אויגען האָבען זיך אויסגעדריקט די אינערסטע געפיהלען פון זיין נשמה. יעדעס מאָל, ווען מיר זיינען צו־ריקגעקומען פון די פרייע פעלדער און וועלדער איז ער געווען אַזוי פריד־ליך און ליבליך ווי אַ קינד, אָפטמאָל, ווען ער האָט אַרויפגעקוקט צום בלויען הימעל, האָט ער אַ טיפען זיפץ געטהאָן און געזאָגט:

„אַך!... ווי שעהן, ווי וואונדערבאַר שעהן דאָס איז"

אוים דיזע ווערטער האָט זיך אַרויסגעגאָסען מעהר פאַנטאַזיע און געפיהל ווי פון די לירישע נעדיכטע פון מאַנכע פּאָעטען, וועלכע קאָקע־טירען נאָר מיט דער מוזע, אום צו ערהאַלטען אַ גרויסען נאָמען אַלס „פיינפיהלענדע קינסטלער", ניט פיהלענדיג אין זיך דאָס טיפע הערצענס־בעדירפנים צו ריהמען די שעהנהייטען פון דער הייליגער נאַטור.

V.

צוויי מאָנאַט זיינען אַזוי פערגאַנגען און אים פערלויף פון דיזער צייט האָב איך מיט קאָנאָוואַלאָוו זעהר פיל גערעט און געלעזען. די געשיכטע פון סטענקאַ ראַסין האָב איך איהם אַזוי פיל מאָל פאָרגעלעזען, דאָס ער האָט איהר שוין געקענט ערצעהלען אויסווענדיג פון אָנהויב ביז צום סוף.

דיזעס בוך האָט געווירקט אויף זיינע גייסטיגע פאָרשטעלונגס־קראַפט ווי אַ צויבער געשיכטע אויף די פאַנטאַזיע פון אַ קינד, אַלע געגענשטענ־דע, מיט וועלכע ער איז געקומען אין בעריהרונג, האָט ער געגעבען די נעמען פון זיינע העלדען. איינמאָל ווען אַ שיסעל איז אַרונטער געפאַלען און צובראָכען געוואָרען, האָט ער אויסגעשריהען אין כעס, דעקענדיג אין סטענקאַ׳ס פיינד:

„אַך, דו וואָיעוואָדע!"

ווען אַ ברויט איז איהם ניט געראָטהען, האָט ער איהם גערופען נאָך סטענקאַ׳ס פייגען ברודער „פראָלקאַ" דער נאָמען סטענקאַ איז פאַר איהם געווען דער אויסדרוק פאַר יעדע העלדישע און גרויסאַרטיגע ערשיינונג,

פון קאַפּיטאָלינאַ, וועמענס בריף איך האָב איהם גלייך אין ערשטען טאָג פון אונזער בעקאַנטשאַפט פאָרגעלעזען און געענטפערט, האָט ער די גאַנצע צייט ניט מעהר גערעט. איך האָב געוואוסט דאָס קאָנאָוואַלאָוו

האָט איהר געלד געשיקט אויף דער אַדרעס פֿון אַ געוויסען פֿיליפּ, וועל־כער האָט זיך געזאָלט אָננעהמען ביי דער פּאָליציי פֿיר די מיידעל; אָבער פֿוןביידע האָט ער זייט דעם ניט ערהאַלטען קיין ענטפֿער.

אין אַ שעהנעם אָבענד, גראַדע ווען מיר האָבען געדאַרפֿט דאָס ברויט אַריינזעצען אין אויווען, האָט זיך פּלוצלונג געעפֿענט די טהיר פֿון דער בעקעריי און פֿון דעם דונקעלען קאָרידאָר האָט זיך געהערט אַ ווייבליכע שטימע:

„ענטשולדיגט מיר!...״

„וועמען זוכט איהר?״ האָב איך אַ פֿרעג געטאָהן, ווערהרענד קאָנאָוואַלאָוו האָט זיך פֿערשעמטערהייט אַ גלעט געטאָהן די באָרד.

„אַרבייט דאָ דער בעקער קאָנאָוואַלאָוו?״

זי איז יעצט געשטאַנען דירעקט ביים טהיר און דאָס ליכט פֿון דער גרויסער לאָמפּ איז געפֿאַלען אויף איהר געזיכט. איהר קאָפּ איז געווען בע־דעקט מיט אַ וואָלענע טוך און פֿון אונטער דעם טוך האָט זיך אַרויסגעזעהן אַ קליין, רונד פּנים׳ל מיט אַ קליינע נעזעלע, פֿרישע באַקען און רויטע ליפּען.

„קאָנאָוואַלאָוו? געוויס, דער אַרבייט ביי אונז!״ האָב איך געענטפֿערט.

„דאָ בין איך שוין!״ האָט קאָנאָוואַלאָוו פּלוצלונג אויסגערופֿען און איז צוגעגאַנגען מיט גרויסע טריט צו דער טהיר.

„סאַשענקאַ!״ האָט זי אַ צערטליכען זיפֿץ געטהאָן.

קאָנאָוואַלאָוו האָט איהר אַרומגענומען מיט ליידענשאַפֿט. ער האָט זיך געמוזט איינבייגען צו איהר, דען זי איז ניט געווען קיין גרויסע.

„נו, וואָס מאַכסטו דו קאַפּאַ? ווען ביזטו געקומען? אַן איבעראַשונג דאָס איז... ביזט אַלזאָ פֿריי געוואָרען... דאָס איז שעהן... איך האָב דיר דאָך אימער געזאָגט... דו געדענקסט?... יעצט איז דיין לעבענסוועג ווידער פֿריי און אָפֿען... האַלט זיך נאָר שטייף!...״ האָט קאָנאָוואַלאָוו גערעדט צו איהר ווי אַ טאַטע צו זיין טאָכטער, גלעטענדיג איהר צערטליך די רויטע באַקען.

„מאַקסים, ברודערלעבען, דו מוזט דיר היינט אַליין שינדען; ווי דו זעהסט, מוז איך שפּילען דעם קאַוואַליר... וואו ביזטו דען איינגעשטאַנען קאַפּאַ?״

„איך בין דירעקט געקומען צו דיר!״ האָט זי געענטפֿערט מיט אַ פֿרעהליכען שמייכעל.

„ניין, דאָ קענסט ניט בלייבען... אונזער מייסטער איז זעהר אַ שטריינ־גער. נו, מיר וועלען שוין געפֿינען אַ צימער, וואו דו וועסט קענען נעכטיגען! האָב נאָר קיין מורא ניט!״

זיי זיינען צוזאַמען אַוועקגעגאַנגען. איך בין געבליבען אַליין אין דער בעקעריי און האָב געגלויבט, אַז קאַנאָוואַלאָוו וועט ניט פריהער קומען ווי מאָרגען אין דער פריה. אָבער ווי איבעראַשט בין איך געוואָרען, ווען ער איז שוין אין דריי שטונדען אַרום צוריקגעקומען און מיין איבעראַשונג איז נאָך גרעסער געווען, ווען איך האָב געזעהען, דאָס אַנשטאַט די פרעה-ליכע מינע, וועלכע איך האָב ערוואַרטעט פון איהם, האָט זיין געזיכט גע-האַט אַ מעלאַנכאָלישען, מידען און שמערצליכען אויסדרוק.

„וואָס איז מיט דיר?" האָב איך נייגעריג געפרעגט, אום צו ערפאַרען די אורזאַכע פון דיזער מערקווירדיגער פערענדערונג.

„גאָר ניט..." האָט ער פינסטער געענטפערט, האָט אויסגעשפיגען און איז ווייטער ענטשוויגען געוואָרען.

„דערצעהל דאָך שוין!" האָב איך זיך אָנגעבייזערט אויף איהם.

„וואָס זאָל איך דיר ערצעהלען?" האָט ער געענטפערט מיט אַ מידע שטימע, אויסציהענדיג זיך אויף דעם מעהלקאַסטען. ס'איז אַ פרויענצימער... דאָס ערקלעהרט די גאַנצע זאַך."

איך בין מיט דיזען ענטפער נאָך ניט צופרידען געווען און מיט גרויס מיה האָב איך צולעצט פון איהם אַרויס בעקומען די פאָלגענדע ער-קלעהרונג;

„ס'איז אַ פרויענצימער... דאָס איז אַלעס! ווען איך וואָלט ניט גע-ווען אַזאַ גרויסער נאַר, וואָלט ניט אויסגעמאַכט, פערשטעהסט? מיר! איך האָב אפילו געמיינט, אַ ווייב איז אויך אַ מענש. ס'איז טאַקע ריכטיג, זי געהט אויף צוויי פיס, עסט ניט קיין גראָז, זי רעט ווי אַלע מענשען, לאַכט, מיט איין וואָרט זי איז ניט קיין חיה... און דאָך טויגען זיי ניט פאַר אַזאַ זאָרט מענשען ווי איך... הם— יאַ, פאַר וואָס? כ'ווייס אַליין ניט! איך האָב אַזאַ געפיהל, אַז די ווייבער-געזעלשאַפט פאַסט ניט פאַר מיר אָבער ווי אַזוי און וואַרום קען איך ניט ערקלעהרען, לאָמער צ. ב. ש. אָננעהמען דיזע קאַפיטאָלינאַ— וואָס וויל זי אייגענטליך פון מיר? „איך וויל מיט דיר לעבען," זאָגט זי צו מיר: „כ'וויל זיין דיין פדוי, איך וויל דיר זיין געטריי ווי אַ הונד," זאָגט זי און נאָך אַזעלכע נאַרישקייטען. „מאַך זיך ניט נאַריש," זאָג איך צו איהר, „ווי אַזוי קען איך דען לעבען מיט דיר ? ערשטענס בין איך אַ שיכור, צווייטענס בלייב איך ניט אויף איין פלאַץ, און דריטענס בין איך אַ בראָדיאַגע, כ'קען ניט שטענדיג לעבען אויף די זעלבע אָרט"— אַזוי האָב איך גערעט מיט איהר: אָבער קיין זאַך האָט ניט געהאָלפען. „אַלע בעלי מלאכות זיינען שיכורים און דאָך האָבען זיי פרויען," האָט זי געענטפערט — „און ווען דו וועסט ערשט האָבען אַ ווייב, וועט זיך דיר ניט וועלען אַרומוואַנ־

דערען אין דער וועלט." — „קאַפּאַ, איך קען דאָס ווירקליך ניט!" האָב איך זיך ביי איהר געבעטען. „איך ווייס, אַז איך וועל זיך קיינמאָל ניט קענען צוגעוואוינען צו אַזאַ לעבען," — אָבער זי האָט גאָר ניט געוואָלט הערען דערפֿון. — „אויב דו ווילסט ניט, וואַרף איך מיר אַריין און וואַסער". האָט זי געשריען. — „זעה נאַר, וואָס פֿאַר אַ גרויסער נאַר דו ביזט," האָב איך איהר געענטפֿערט, דאַן איז זי אַרויפֿגעפֿאַלען אויף מיר און האָט מיר געגרופֿען די ערגסטע נעמען. „אַך, דו פֿערפֿיהרער, דו געמיינער לומפּ. בעטריגער איינער, טייוועל וואָס דו ביזט," האָט זי געשריען. זי איז גאַנץ משוגע געווען און איז מיר איבערפֿאַלען ווי אַ ווילדע. — איך האָב זיך אמת דערשראָקען פֿאַר איהר. נאָכדעם האָט זי אָנגעהויבען וויינען און האָט מיר ווייטער געשאָלטען: „וואָרום האָסטו מיר אָבגערעדט פֿון מיין פּלאַץ, ווען דו ווילסט מיר ניט נעהמען?" האָט זי געשריען אויף מיר ווי אַ משוגע׳נע, „וואָס זאָל איך אָנפֿאַנגען יעצט צו טהאָן, דו רויטער הונד? פֿע! וואָס זאָל איך נאָר טהאָן מיט איהר, מאַקסים? האַ?"

„צו וואָס האָסטו איהר אייגענטליך אַרויסגענומען פֿון די הייזעל"? האָב איך געפֿרעגט.

„פֿאַר וואָס? אַ וואונדערליכע פֿראַגע! ס׳איז דאָך געווען אַ מיטלייד אויף איהר. מען זעהט אַ מענשען פֿערקראָכען אין שלעכטע וועגען. דער־לאַנגט מען איהם אַ האַנד. ער זאָל זיך קענען אַרויסכאַפּען... אָבער דער־פֿאַר זאָל איך זיך בעזעצען, נעהמען אַ ווייב א. ז. וו. ניין, פֿון דעם קען ניט זיין די רייד. קיינמאָל וועל איך זיך ענטשליסען צו דעם. וואָס וואָלט איך דען געווען פֿאַר אַ פֿאַמיליען-פֿאָטער? ווען איך וואָלט וועלען דאָס טהאָן, וואָלט איך עס שוין לאַנג געקענט האָבען, וואָס פֿאַר טהייערע געלעגענהייטען איך האָב דאָס געהאַט, איך האָב זאָגאַר געקענט הייראַ־טען מיט געלד, אָבער דאָס איז ניט פֿאַר מיר, איך וויל אפילו ניט דיינקען פֿון דעם. און קאַפּאַ? עס טהוט מיר וועה דאָס האַרץ אויף איהר, אָבער איך קען מיר ניט העלפֿען, איך קען ניט"...

ער איז געשטאַנען פֿאַר׳ן קאַסטען, אונרוהיג גלעטענדיג זיין לאַנגע באָרד, דאַן איז ער אַרומגעגאַנגען אַהין און צוריק אין דער בעקערייי און אין זיינע אויגען האָט זיך אָבגעשפּיגעלט זיין אינערליכע פֿערצווייפֿלונג.

„מאַקסים" האָט ער זיך געבעטען אין אַ ווײַלע אַרום ביי מיר, „געה דו דאָך צו איהר און ערקלעהר איהר די גאַנצע געשיכטע! וואָס? ווילסטו געהן ברודער לעבען?"

„וואָס זאָל איך דען ריידען מיט איהר?"

„זאָג איהר איינפֿאַך דעם אמת!... ער קען דאָס ניט טהאָן, מוזט דו

איהר זאָגען; עס טויג ניט פֿאַר איהם... אָדער ווייסט דו גאָר וואָס, זאָג איהר, דאָס איך האָב אַ שלעכטע קראַנקהייט, דו ווייסט דאָך שוין...״

„איז עס דען אמת?״ האָב איך געפֿרעגט מיט אַ געלעכטער.

„געוויס ניט... נאָר דאָס וואָלט דאָך געווען אַ גוטער גרונד... כאַפּט עס דער רוח! פֿאַנגט זיך אָן מיט די ווייבער! איך האָב אפילו ניט ג׳חלום׳ט דער־פֿון... איך און אַ ווייב!״

ביי דיזע ווערטער האָט ער אויסגעצויגען די הענד ווי אַ פֿערצווייפֿעל־טער און האָט געמאַכט אַזאַ מינע, אַז מען האָט איהם געקענט גלויבען, דאָס ער ווייס זיך ווירקליך ניט ווי צו בענעהן מיט אַ ווייב. און ווי קאָמיש די גע־שיכטע איז אויסגעקומען, האָב איך דאָך זאָפֿאָרט בעגריפֿען די דראַמאַטישע זייט פֿון דער לאַגע, אין וועלכען מיין אָרעמער פֿריינד און די מיידעל האָבען זיך געפֿונען.

קאָנאָוואַלאָוו האָט נאָך אימער אַרומשפּאַצירט אין דער בעקעריי, מור־מלענדיג צו זיך אַליין.

„היינט איז זי מיר גאָר ניט געפֿעלען געווען. איך האָב זיך פשוט ער־שראָקען פֿאַר איהר... ס׳איז גראַדע ווי זי וואָלט מיר געוואָלט אַרונטערציהען אין אַ טיפֿען זומפּ, טוה נאָר אַ קוק, ווי זי וויל זיך אָנהייגען אָן אַ מאַן... ווי דום זי זאָל ניט זיין, צו דעם איז זי נאָך קלוג גענוג...״

עס איז געווען דער פֿיינער אינסטינקט פֿון דעם בראָדיאַגע, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט ביי איהם. קאַפּיטאַלינאַ׳ס בענעהמען איז ביי איהם אויסגעקומען, ווי אַן אַטאַקע געגען זיין פֿרייהייטס-געפֿיהל.

„ניין, מיך כאַפּט מען ניט אַזוי שנעל... איך בין אַ גרויסער פֿיש,״ האָט ער זיך בעריהמט, „איך וועל מיר שוין אַרויסכאַפּען פֿון די נעץ... דאָס איז ניט פֿאַר מיר...״

ער איז געבליבען שטעהן אין מיטען דער בעקעריי און האָט געלאַכט צו זיך אַליין. איך האָב אויפֿמערקזאַם בעטראַכט אַלע זיינע בעוועגונגען, אום צו פֿערשטעהן וואָס ער וויל אייגענטליך.

„הער נאָר מאַקסים,״ האָט ער פּלוצלונג געזאָגט — „וואָלען מיר ניט ביי־דע געהן צום קובאַן?״

דאָס האָב איך פֿון איהם גאָר ניט ערוואַרטעט. איך האָב נעמליך גע־האַט פֿערשידענע פּעדאַגאָגישע פּלענער פֿאַר דער צוקונפֿט: איך האָב איהם געוואָלט אויסלערנען לעזען און שרייבען און איהם געוואָלט איבערגעבען אַלעם וואָס איך האָב דאַן אַליין געוואוסט. עס וואָלט מיר זעהר אינטערעסאַנט געווען צו זעהן, וואָס איך וואָלט געקענט פֿון איהם מאַכען, ער האָט מיר אויך צוגעזאָגט, דאָס ער וועט דעם גאַנצען זומער ניט אָבטרעטען פֿון היער,

מיט איין מאָל פֿערגלוסט זיך איהם ווייטער צו וואַנדערען.

„רעד ניט אַזעלכע נאַרישקייטען!" האָב איך מיר אָנגעבייזערט אויף איהם.

„אָבער וואָס דען זאָל איך טהאָן?" האָט ער אויסגעשריען מיט פֿער־צווייפלונג.

איך האָב איהם אָנגעפֿאַנגען איינצורייידען, דאָס ער דאַרף זיך גאָר ניט אַזוי פֿיל צום האַרצען נעהמען קאַפּיטאָלינאַ׳ס משוגעס, ווי ער האָט עס געטאָהן, זאָל ער בעסער רוהיג אָבוואַרטען, וואָס עס וועט ווייטער ווערען,

און ווירקליך. ער האָט גאָר ניט געדאַרפֿט לאַנג וואַרטען.

מיר זיינען געזעסען מיט׳ן רוקען צום פֿענסטער נעבען דעם אויווען. עס איז נאָך געווען בעפֿאָר האַלבע נאַכט, און עס זיינען פֿילייכט פֿער־גאַנגען צוויי שטונדען, זייט קאָנאָוואַלאָוו איז צוריק געקומען. פּלוצלונג האָבען מיר דערהערט אַ קראַך אין פֿענסטער און אַ גרויסער שטיין איז געפֿאַלען לעבען אונז אויף דער ערד.

„ניט געטראָפֿען!" האָט זיך פֿון דרויסען געהערט אַ ווילדער געשריי.

„כ׳האָב שלעכט געצילעוועט... אַך, ווען איך וואָלט איהם געהאַט אין מיינע פֿינגער..."

„קום שוין!" האָט זיך געהערט אַ טיפֿע מענער-שטימע „איך וועל איהם שוין געבען... אַן אַנדערמאָל..."

אַ פֿערצווייפֿעלטער, היסטערישער געלעכטער האָט אונטערבראָכען דיזע ווערטער.

„דאָס איז זי" האָט קאָנאָוואַלאָוו פֿינסטער געזאָגט.

פֿאַרלויפֿיג האָב איך ניט מעהר געזעהן ווי צוויי פּיס אַראָבהייננגענ־דיג פֿון אונזער פֿענסטער. זיי האָבען זיך געשאָקעלט הין און צוריק און האָבען זיך גֶעשלאָגען אין דער וואַנד, פּונקט ווי זיי וואָלטען געזוכט זיך וואו צו שטיצען.

„קום שוין, קום שוין!" האָט ווידער געברומט די גראָבע באַס־שטימע.

„לאָז מיר צופֿרידען! שלעפּ מיך ניט! איך וויל מיר לייכטער מאַכען מיין האַרץ. לעב וואָהל סאַשקאַ, לעב וואָהל, דו..."

דעם לעצטען וואָרט האָט דער צענזאָר אויסגעשטריכען.

איך בין נעהנטער צוגעגאַנגען צום פֿענסטער און האָב דערזעהן קאַפּיטאָלינאַ. זי האָט זיך אונטערגעשפּאַרט מיט די הענד אויף דער ערד און האָט פֿערזוכט אַריינצוקוקען אין דער בעקעריי, איהר צוּוואָרפֿענע האָר איז אַראָבגעהאַנגען איבער די שולטער׳ן, דאָס ווייסע טוך איז געווען

אין אַ זייט פֿערוואָרפֿען און די בלוזע וואָר צוריסען אויף דער ברוסט. קאַפּיטאָלינאַ איז געווען טויטשכור, זי האָט היסטעריש געשריען און גע-שאָלטען און דאָס פֿערוויינטע געזיכט איז געווען רויט פֿון טהרערען.

איהר בעגלייטער, אַ גראָבער, אימגעלומפּערטער קערל, האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט'ן האַנד געגען דער וואַנד און האָט געברומט:

„קום שוין, קום שוין!"

„סאַשקאַ, דו האָסט מיר צו גרונדע געריכטעט... דערפֿאַר ווערסטו מיך האָבען צו געדיינקען! פֿערשאָלטען זאָלסטו ווערען, דו רויטער הונט, אַ מיתה משונה זאָלסטו איינעהמען אויף'ן אָרט! איך האָב געהאָפֿט זיך צו בעסערען... און דו האָסט זיך נאָר אויסגעלאַכט פֿון מיר... שופֿט איינער! וואַרט נאָר, איך וועל זיך מיט דיר אָפּרעכענען! אַהאַ, יעצט בעהאַלט ער זיך פֿאַר מיר, דער לומפּ! סאַשקאַ... מיין טייבעלע!"

„איך האָב זיך גאָרניט בעהאַלטען פֿאַר דיר!" האָט קאָנאָוואַלאָוו גע-זאָגט מיט אַ פֿערשטיקטען קול, צוגעהנדיג צום פֿענסטער. „איך האָב זיך ניט פֿאַרוואָס צו בעהאַלטען... דו ביסט אונגערעכט געגען מיר... איך האָב דיר אימער געוואונשען גוטעס... אַזוי ווערט עס בעסער זיין פֿאַר איהר, האָב איך געדיינקט, און יעצט פֿירסטו אויף אַזעלכע געשיכטען!"

„סאַשקאַ, שלאָג מיך טויט, מיין ליבער!"

וואָרום האָסטו זיך אָנגע'שכור'ט? דו ווייסט דאָך גאָר ניט וואָס עס וואָלט אפֿשר מאָרגען געווען..."

„סאַשאַ, סאַשאַ, וואַרף מיר אין וואַסער אַריין!"

„הער שוין אויף, קום שוין!" האָט זיך ווידער געהערט די גראָבע באַס-שטימע.

שופֿט! דו האָסט זיך פֿערמאַסקירט! דו האָסט זיך נאָר אַרויסגע-שטעלט פֿאַר אַ גוטען מענש!" האָט קאַפּיטאָלינאַ געשריען.

„וואָס איז דאָ פֿאַר אַ געשריי?" האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ פֿרעמדע שטימע. „ווער איז דאָ?"

עס איז געווען דער נאַכטוועכטער, וועלכער האָט אָנגעהויבען רופֿען דער פּאָליציי.

„וואָרום האָב איך דיר געגלויבט? טייוועל איינער!" האָט קאַפּיטאָלינאַ געבליפּעט אונטער'ן פֿענסטער.

פּלוצלונג האָט זי אָנגעהויבען צאַפּלען מיט די פֿיס און איז פֿער-שוואונדען געוואָרען אין דער דונקעלהייט. אין דרויסען האָט זיך געהערט אַ געמיש פֿון פֿערשידענע שטימען.

„איך וועל ניט געהן צו דער פּאָליציי! סאַשאַ, סאַ-אַ-שאַ," האָט די

מיידעל געשריען מיט אַ שרעקליכע שטימע,

עס האָט זיך געהערט שווערע טריט, אַ פּייפעריי און געוויין... סאַ-שאַ! גע-ליב-טער!״

עס האָט אויסגעקוקט, ווי אימיצער וואָלט אונערבאַרמליך בעהאַנ־דעלט געוואָרען... דער געשריי איז געוואָרען אַלס שוואַכער און האָט זיך צולעצט אין גאַנצען פערלאָרען.

די גאַנצע סצענע האָט זיך אָבגעשפּילט מיט אַן איבערראַשיענדע שנעלקייט און מיר זיינען ביידע געבליבען ווי פערשטיינערט. מיר האָבען געקוקט מיט אויפגעריסענע אויגען אין דער דונקעלהייט און אין אונזע־רע אויערן האָט נאָך אימער געקלונגען דער ווילדער געשריי אין די בי־טערע קללות. די פינסטערע קליינע דראַמע האָט פּלוצלונג גענומען אַ שנעלע ענדע.

„דאָס איז געווען דער סוף!״ האָט קאָנאָוואַלאָוו געמורמעלט און זיין שטימע האָט שטאַרק געציטערט. ער האָט נאָך אַמאָל אַרויסגעקוקט אין דער פינסטערניש, אָבער אַלעס איז געבליבען שטיל און שטום. „אַך, ווי עס האָט מיר געכאַפּט ביים האַרצען!״ האָט ער געזיפצעט אין אַ ווײַלע אַרום, ניט ריהרענדיג זיך פון אָרט. „יעצט שלעפּט מען איהר אויף דער פּאָליציי... שכור׳ערהייד, מיט וועלכען עס איז באַסיאַקע... דאָס איז שנעל געקומען.״

ער האָט אַ טיפען זיפץ געטהאָן, איז אַראָבגעקראָכען פון פענסטער און האָט זיך געזעצט אויף אַ זאַק מעהל. ער האָט געשאָקעלט מיט׳ן קער־פּער, האַלטענדיג זיך דעם קאָפּ מיט ביידע הענד און האָט מיר שטיל געפרעגט:

„זאָג נאר מאַקסים— וואָס דיינקסטו אייגענטליך פון דער גאַנצער געשיכטע?... אויף וויפיל בין איך שולדיג אין דעם?״

איך האָב איהם אָפען געזאָגט מיין מיינונג, דאָס ער איז שולדיג אין אַלעס. „מע מוז שטענדיג איבערדיינקען אַ זאַך, איידער בּע פאַנגט אָן עפּעס צו טהאָן!״ האָב איך געזאָגט. „דו האָסט עס ניט געטהאָן, דער־פאַר ביסטו דער איינציגער שולדיגער.״ „איך האָב זיך אין דער ווירקליכ-קייט גוט אָנגעבייזערט אויף איהם. קאַפּיטאַלינאַס געוויין און די גראָבע באַס-שטימע, וועלכע האָט שטענדיג געשריען; „קום שוין קום שוין!״ האָט מיר נאָך אימער געקלונגען אין די אויערן, דערפאַר האָב איך ניט גע־האַט קיין מיטלייד מיט מיין פריינד סאַשאַ.

ער האָט זיך רוהיג צוגעהערט צו מיינע ווערטער, אַראָבלאָזענדיג דעם קאָפּ: דאַן האָט ער פּלוצלונג אַקוק געטהאָן אויף מיר, און אין זיינע

אויגען האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אַ מורא,דיגער געפיהל.

„דאָס איז אַלזאָ דער סוף!... אַ פיינע געשיכטע... און וואָס וועט זיין? האַ? וואָס זאָל איך אייגענטליך טהאָן מיט איהר?"

פון זיינע ווערטער האָט זיך אַרויסגעהערט אַזויפיל קינדערישע אויפ־ריכטיגקייט, פערצווייפלונג און דאָס עהרליכע בעוואוסטזיין פון זיין שולד, דאָס איך האָב פלוצלונג רחמנות געקראָגען אויף איהם און עס האָט מיר פערדראָסען, וואָס איך בין געווען צו שאַרף מיט מיין אָנקלאַגע געגען איהם.

„צו וואָס האָב איך איהר געראַפּט אַוועקנעמען פון איהר פּלאַץ?" האָט קאָנאָוואַלאָוו געטענה'ט און מע האָט אַרויסגעהערט פון דיזע ווער־דעם אינערליכען שמערץ, וועלכען ער האָט געפיהלט. „אָך עס צורייצט מיר דאָס האַרץ!... אָבער איך ווייס וואָס איך וועל טהאָן: איך געה אויף דער פּאָליציי, איך וועל זעהן וואָס עס טהוט זיך... אפשר קען מען ריידען מיט איהר... און ווייטער... איך וועל איהר זאָגען... איך ווייס אַליין ניט... זאָל איך געהן, מאַקסים?"

נאָך מיין מיינונג איז עס געווען נוצלאָז, איהר צו בעזוכען, צו וואָס זאָל ער אייגענטליך רעדען מיט איהר? און אויסערדעם איז זי געווען שכור און האָט געוויס שוין געשלאָפען.

אָבער קאָנאָוואַלאָוו'ן איז דער געדאַנק ניט אַרויס פון קאָפּ.

„געוויס, איך וועל געהן," האָט ער געזאָגט בעשטימט.

„איך מיין דאָך איהר טובה... און די וואָס זיינען יעצט מיט איהר — וואָס איז דאָס פאַר מענשען? ניין, איך וועל געהן צו איהר! בעזאָרג אַלעס, וואָס איז נויטיג, איך וועל באַלד צוריק קומען."

ער האָט אָנגעטהאָן דאָס היטעל און איז אַוועקגעלאָפען באַרפוסערהייט.

איך האָב פאַרטיג געמאַכט מיין אַרבייט און זיך געלעגט שלאָפען. ווען איך האָב זיך אויפגעהויבען אין דער פריה, איז קאָנאָוואַלאָוו'ס גע־לעגער נאָך ליידיג געווען. ערשט אויף דער נאַכט איז ער צוריק געקומען, פינסטער, אָבגעריסען, מיט טיפע קנייטשען אויף'ן שטערען און זיינע בלויע אויגען זיינען בעדעקט געווען ווי מיט אַ טומאַן. אָהנע מיר אָנצו־קוקען איז ער געגאַנגען צום טייג־קאַסטען, אום צו זעהען ווי ווייט איך בין מיט דער אַרבייט, דאַן האָט ער זיך אַוועקגעלעגט שלאָפען.

„נו, האָסטו איהר געזעהען?" האָב איך געפרעגט.

„דערפאַר בין איך דאָך אַהין געגאַנגען."

„נו, וואָס איז געוואָרען?"

„גאָר ניט!"

איך האָב געזעהען, אַז ער וויל ניט רעדען און אָננעהמענדיג, דאָס זיין אויפגערעגטער צושטאַנד וועט ניט לאַנג אָנהאַלטען, האָב איך איהם מעהר ניט געפּרעגט, דעם גאַנצען אָבענד האָט ער קיין וואָרט ניט גערעדט און איז אַרומגעגאַנגען אין דער בעקעריי מיט אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ און טרויריגע אויגען. עס האָט אויסגעזעהען, אזוי ווי דאָס פייער פון זיין נשמה וואָלט פּלוצלינג פערלאָשען געוואָרען. די אַרבייט איז איהם ניט געגאַנגען פון דער האַנד, דען זיינע געדאַנקען זיינען געווען אַנדערשוואו. אין דער נאַכט, ווען מיר האָבען שוין אַריינגעזעצט דעם לעצטען גאַנג ברויט אין אויווען, האָט ער מיר געבעטען:

„הער נאָר, מאַקסים, לעז מיר עפּעס פאָר פון סטענקאָ ראַסין!"

איך האָב געוואוסט, אַז די סצענע פון סטענקאָ'ס גרוזאַמע מאַר־טערניש און זיין שרעקליכע ענדע איז קאָנאָוואַלאָוו'ן אַם בעסטען געפעלען געוואָרען, דערפאַר האָב איך איהם דיזע שטעלע נאָכאַמאָל פאָרגעלעזען. ער איז געלעגען אויסגעצויגען אויף דער ערד, האָט געקוקט אויף דער פערראוכערטע סטעליע און האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט.

„אַזוי איז ער נעבאַך געשטאָרבען דער אָרעמער סטענקאָ! זיי האָבען איהם געמאַכט אַ בלוטיגען סוף." האָט קאָנאָוואַלאָוו געזאָגט שטילערהייט, ווען איך האָב געענדיגט לעזען. „דאַמאָלסט האָבען די מענשען פערשטאַנען ווי צו לעבען, זיי האָבען געקענט די פרייהייט געניסען, זיי האָבען געקענט געהען ווי זיי האָבען געוואָלט און ערקוויקען זייער האַרץ. היינט איז אַלעס רוהיג און פרידליך, אָרדנונג הערשט איבעראַל. אייגענטליך איז אונזער לעבען געוואָרען זעהר אַ געזעצליכער. מיר לעזען ביכער, לערנען בילדונג און דאָך איז דער מענש אָהן אַ שוץ. עס איז פערבאָטען צו זינדיגען און דאָך קען ער ניט לעבען אָהנע זינד. אין דרויסען אין די גאַסען איז איבעראַל אָרדנונג, אָבער אין דער זעעלע איז אַ גאַנצער כאַאָס. קיינער קען פער־שטעהען דעם אַנדערען."

„הער נאָר סאַשאַ," האָב איך איבערשלאָגען זיינע רייד, „וואָס הערט זיך אייגענטליך מיט קאַפּיטאָלינאַ?"

„וואָס?... קאַפּיטאָלינאַ?... עס איז אויס מיט איהר!" האָט ער גע־ענטפערט אויפהייבענדיג דעם קאָפּ.

ער האָט אַ מאַך געטהאָן מיט'ן האַנד.

„האָסטו שוין געמאַכט אַן ענדע מיט איהר?"

„איך? ניין, זי אַליין האָט געמאַכט אַן ענדע."

„וואָס הייסט?"

„זעהר איינפאַך: זי בלייבט ביי דאָס איהריגע און וויל פון גאָר ניט

וויסען .. זי איז גאנץ די זעלבע, נאר פריהער האט זי ניט גע'שכור'ט און יעצט שכור'ט זי.— נעהם ארויס דעם ברויט פון אויווען, איך וועל זיך לעגען שלאפען!"

עס שטיל געווארען אין דער בעקעריי דער לאמפ האט געצאנקט, פון צייט צו צייט האט די טהיר פון אויווען א סקריפ געטהאן און דאס פריש געבאקענע ברויט האט געקנאקט. אין דרויסען האט זיך געהערט א שטילער געשפרעך פון צוויי נאכטוועכטער, פון דער וויטען האט געקלונגען א זאנדערבארער טאן, ווי דער זיפץ פון א שטארבענדען.

איך האב ארויסגענומען די ברויט און זיך געלעגט שלאפען. דאך האב איך זיך ניט געקענט בערוהיגען און בין געלעגען מיט אפענע אויגען, הערענדיג יעדעס גערויש אין דער נאכט.

פלוצלינג האב איך געזעהען, ווי קאנאוואלאוו האט זיך שטיל אויפגעהויבען פון דער ערד, איז צוגעגאנגען צו דער פאליצע און האט אראבגענומען דאס בוך פון סטענקא ראזין. זיין פערטראכטער געזיכט שטעהט מיר נאך יעצט פאר די אויגען. ער האט די בוכשטאבען געגלעט מיט'ן פינגער, האט איבערגעמישט די בלעטער און אויפמערקזאם בעטראכט יעדע צייל. דאן האט ער לאנג אריבערגעקוקט צו מיר און אין זיין געזיכט האט זיך אבגעשפיגעלט א פרעמדער, פארשענדער אויסדרוק.

איך האב זיך ניט מעהר געקענט צוריקהאלטען פון פערוואונדערונג און האב איהם געפרעגט, וואס ער טהוט אייגענטליך.

„איך האב געמיינט דו שלאפסט," האט ער געזאגט פערשעמטערהייט. דאן איז ער צוגעגאנגען צו מיר, האלטענדיג דעם בוך אין האנד און האט געזאגט מיט אבגעבראכענע ווערטער: „איך האב דיר געוואלט עפעס פרעגען, מאקסים... גיט עס גאר ניט קיין בוך וועגען די ארדנונג פון לעבען? איך מיין, א בוך, וואס זאל אונז ערקלערען, ווי מיר זאלען אייגענטליך לעבען... איך וואלט געוואלט אלעס פערשטעהען און וויסען, צו דאס וואס איך טהו איז גוט אדער שלעכט... איך בין ווי דו זעהסט, גאר ניט קלאר אין דעם וואס איך טהו... אפטמאל שיינט עס מיר, דאס א זאך איז גוט און שפעטער לאזט זיך אוים פערקערט. אזוי איז צ.ב.ש. געוועזן מיט קאפא." ער האט א טיפען זיפץ געטהאן און האט זיך אפענהערציג און פריינדליך ביי מיר געבעטען:

„טהו נאר א קוק, צו דו קענסט ניט געפינען אזא בוך, א בוך וועגען די האנדלונגען פון די מענשען. און דערפון קענסטו מיר פארלעזען."

נאך אייניגע מינוטען שטילשווייגען.

„מאקסים!..."

„האָ?"

„זי האָט דאָס אַביסעל בעאַרבייט, די קאַפּיטאַלינאַ!"

„נו, נו... גענוג דיר שוין צו ריידען דערפון..."

„געווים, איצט לוינט שוין ניט... אָבער ווי מיינסטו, זאָג מיר... האָט זי רעכט דערויף?"

די פראַגע איז געווען ניט לייכט צו פערענטפערען, אָבער נאָכדיינ־קענדיג אַ ווײלע האָב איך איהם געזאָגט, אַז זי האָט דערויף יאָ רעכט געהאַט.

„איך דיינק אויך אַזוי... זי האָט רעכט... יאָ..." האָט קאַנאָוואַלאָוו מיט אַ טרויעריגען טאָן לאַנגזאַם געענטפערט און איז שטיל געבליבען. ער האָט זיך לאַנג אונרוהיג בעוועגט אויף דער ראָגאָזשע, וועלכע איז געלעגען אויף דער פּאָדלאָגע, ער איז עטליכע מאָל אויפגעשטאַנען, גע־רויכערט, געזעצט זיך ביים פענסטער און ווידער געלייגט זיך.

נאָכהער בין איך איינגעשלאָפען, און ווען איך האָב ערוואַכט איז ער שוין אין דער בעקעריי ניט געווען און איז געקומען ערשט געגען אָבענד. עס האָט אויסגעזעהן ווי ער וואָלט אַ גאַנצען טאָג געווען בעדעקט מיט אַ געדיכטען שטויב און אין זיינע פערוואָלקענטע אויגען איז פער־קיהלט געוואָרען עטוואָס אונבעוועגליכעס. ער האָט אַראָבגעוואָרפען די הימעל פון קאָפּ און האָט זיך געזעצט נעבען מיר.

„וואו ביסטו געווען?"

„איך בין געווען זעהן קאַפּקען."

„נו, און וואָס הערט זיך?"

„געענדיגט, ברודער! כ'האָב דאָך דיר געזאָגט..."

„ווי עס שיינט קען מען גאָר ניט מאַכען מיט דעם סאָרט וויבלעך.." האָב איך פּרובירט פונאַנדערשלאָגען זיין שלעכטע שטימונג, און האָב אָנגעפאַנגען צו ריידען וועגען דער קראַפט דער געוואוינהייט, וועלכע ווערט אַ צווייטע נאַטור און וועגען נאָך אַזעלכע זאַכען, וועלכע זיינען פּאַסענד ביי אַזעלכע געלעגענהייטען.

„ניין, וואָ־אָס איז דאָס!" האָט ער געענטפערט, „ניט אין דעם איז די קראַפט! נאָר גאַנצע איינפאַך, איך בין אַ שעדליכער מענש..."

„עס איז מיר ניט בעשערט צו לעבען אויף דער וועלט... אַן אונ־גליקליכער... אַ מין גיפטיגער גרוך שלאָגט פון מיר, און ווי איך געה צו נאָהנט צו אַ מענשען, אַזוי שטעקט ער זיך פון מיר גלייך אָן. און פאַר יעדען קען איך נאָר שאַפען ליידען... ווען איך זאָל בעקלעהרען, וועמען האָב איך מיט מיין גאַנצען לעבען גוטעס פערשאַפט?! קיינעם! און אין

בעריהרונג בין איך מיט פילע מענשען... אַ פוילענדער מענש בין איך און נאַר!..."

„דאָס איז אַ דומהייט!..."

„ניין, דאָס איז שוין ריכטיג!..." האָט ער איבערצייגענד געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

איך האָב מיך בעמיהט צו צושלאָגען זיינע מיינונגען, נאָר פון מיינע רייד האָט ער געשעפּט נאָך מעהר זיכערהייט אין זיין נוצלאָזיגקייט צום לעבען... איבערהויפּט האָט ער אָנגעפאַנגען שנעל און עקסטרים זיך צו ענדערען, זינד דער בעגעבענהייט מיט קאַפּקע'ן. ער איז געוואָרען פערטראַכט, אָבגעלאָזען, ער האָט פערלאָרען די לוסט צו ביכער, ער האָט ניט געאַרבייט מיט דעמזעלבען ברען ווי פריהער, ער איז געוואָרען שווייגזאַם און פערשלאָסען.

אין דער פרייע צייט פלעגט ער זיך לייגען אויף דער פּאָדלאָגע און לאַנג קוקען אויף דער סטעלע. זיין געזיכט איז מאָגער געוואָרען און זיינע אויגען האָבען פערלאָרען זייער קלאָהרען, קינדערישען גלאַנץ.

„סאַשאַ, וואָס איז מיט דיר?" האָב איך איהם געפרעגט.

„מיין זויפעריי פאַנגט זיך שוין אָן," האָט ער איינפאַך ערקלעהרט. „איך וועל זיך אין גיכען פונאַנדערלאָזען... דאָס הייסט איך וועל אָנהויבען טרינקען בראַנפען... עס ברענט שוין ביי מיר אינוויינינ... ס'איז אַזאַ ברענונג, דו ווייסט... עס איז שוין געקומען די צייט... ווען ניט די געשיכטע מיט קאַפּקען וואָלט איך נאָך פילייכט אויסגעהאַלטען וויפיל עס איז. אָבער דאָס עסט מיך ווי א וואָרעם. וואָס הייסט?... וואָס איז דאָס?... איך האָב געוואָלט אַ מענשען גוטעס טהאָן, און מיט אַמאָל, נאַ דיר... ס איז גאָר ניט צו פערשטעהן!... יאַ, ב־ודער, עס איז זעהר נויטיג פאַר׳ן לעבען אַן אָרדנונג אין אונזערע האַנדלונגען...

„ווען מען שוין טאַקע באמת ניט קענען אויסגעפינען אַזאַ געזעץ, דאָס אַלע מענשען זאָלען האַנדלען ווי איינער און איינער דעם צווייטען זאָל קענען פערשטעהן? עס איז דאָך אונמעגליך צו לעבען, זייענדיג אָבגעזונדערט איינער פון צווייטען אויף אַזאַ וויטע שטרעקע! פערשטעהען דען ניט די קלוגע מענשען, דאָס מע מוז אַן אָרדנונג מאַכען אויף דער ערד און הלאָהר מאַכען די מענשהייט? .. ע־עכמאַ!"

זייענדיג פערזונקען אין די געדאַנקען וועגען די נויטיגקייט פון אַן אָרדנונג אין לעבען, האָט ער זיך ניט צוגעהערט צו מיינע רייד. איך האָב זאָגאַר בעמערקט, דאָס ער האָט זיך אָנגעפאַנגען צו ערווייטערען פון מיר, איין מאָל, אויסהערענדיג פון מיר צום הונדערט און ערשטען מאָל מיין פראָיעקט

וועגען די רעאָרגאַניזאַציאָן פֿון לעבען, איז ער אויך מיר ווי בייז געוואָרען.

„נו, געה שוין... כ'האָב שוין דאָס געהערט... ניט אין לעבען איז דאָ די אורזאַכע, נאָר אין מענשען! די ערשטע זאַך איז דער מענש... פֿערשטאַנען?... נו, און מעהר גאָר נישט!... אויף אַזאַ אופֿן קומט אויס, נאָך דיר נאָך, דאָס ביז אַלעס ווערט איבערגעמאַכט, דאַרף דער מענש פֿונדעסטוועגען בלייבען ווי ער איז ביז יעצט געווען. אויך אַן איינפֿאַל... ניין, דו מאַך איבער דעם מענשען פֿריהער, ווייז איהם אַן אויסגאַנג, עס זאָל איהם זיין ליכטיג, פֿריי און ניט איינג אויף דער ערד—אָט וואָס דו דאַרפֿסט זוכען פֿאַר'ן מענשען. לערען איהם אויס צו געפֿינען זיין סטעזשקעלע... וואָס אָבער איז דאָס פֿאַר אַן אויסהלער... לעבען... אַ פֿאַנטאַזיע... אַן אויסקלעהר... מעהר ניט..."

איך האָב ערווידערט, ער פֿלעגט זיך קאָכען אָדער טרויעריג ווערען און פֿלעגט אומעדיג אויסשרייען: „עך, לאָז מיך צופֿרידען!"

איינמאָל איז ער אַוועק פֿון אָבענד און איז ניט געקומען צו דער אַרבייט, אויך ניט מאָרגען דעם גאַנצען טאָג. אָנשטאָט איהם איז געקומען דער בעל הבית מיט אַ פֿערזאָרגטען געזיכט און האָט געזאָגט:

„אונזער ליאָסאַכאַ האָט זיך שוין צוהולעט. ער זיצט אין טראַקטיר „סטענקאַ" און טרינקט. מען דאַרף זוכען אַ נייעם בעקער..."

„מעגליך ער וועט צוזיך קומען? !"

„נו, יאָ, אָט ווי דו זעהסט, אַ ווײלע... איך קען איהם שוין..."

איך בין אַוועק אין דער „סטענקאַ". דאָס איז געווען אַ שיינק, מיט שכל געבויט און אַ שטיינערנעם פּאַרקען, דער שיינק האָט זיך אויסגעצייכענט דערמיט, וואָס אין איהם איז ניט געווען קיין פֿענסטער און די ליכטיגקייט איז אַריינגעקומען דורך דער סטעלע, אין דער אמת'ן איז דאָס געווען אַ פֿירעקיגע גרוב, אויסגעגראָבען אין דער ערד און צוגעדעקט מיט ברעטער. אין דער גרוב האָט שטענדיג געשמעקט מיט ערד, מיט שטאַרקען טאַבאַק און איבערגעברענטען בראַנפֿען—אַנאויפֿמישונג פֿון ריחות, פֿון וועלכע מע האָט אין איין האַלבע שעה געקענט בעקומען אַ שרעקליכע קאָפּ-ברעכעניש, נאָר די שטענדיגע בעזוכער פֿון דעם פּלאַץ זיינען שוין געווען געוועהנט מיט דיזען ריח, ווי זיי זיינען געוועהנט געווען מיט נאָך פֿילע אַנדערע זאַכען, וועלכע זיינען פֿאַר'ן געוועהנליכען מענשען אונערטרעגליך.

גאַנצע טעג זיינען זיי דאָ געלעגען, וואַרטענדיג אויף אַ געלעגענהייט ווען אַ שכור'ער אַרבייטער וועט אַהין אַריינפֿאַלען, אום זיין לעצטע העמד צו פֿערטרינקען.

קאָנאָוואַלאָוו איז געזעסען ביי אַ גרויסען טיש, אין מיטען שיינק, אין אַ קרייז פון זעקס הערען, וועלכע האָבען איהם מיט הכנעה צוגע־הערט, און וועלכע זיינען געווען געקליידעט אין פאַנטאַסטיש צוריסענע קאָסטיומען און האָבען געהאַט געזיכטער, וועלכע האָבען ערינערט די העל־דען פון האָפּמאַן'ס ערצעהלונגען.

מע האָט געטרונקען ביר מיט בראַנפין צוזאַמען און פערביסען מיט עטוואָס אַזעלכעס, וועלכעס איז געווען עהנליך צו שטיקער פערטריקענ־טע ליים.

„טרינקט, ברידער, טרינקט, וויפיל ווער עס קען. איך האָב אַ געלד, אי קליידער... אויף אַ טאָג דריי וועט גענוג זיין. איך ווער אַלעס פער־טרינקען און... אוים! איך וויל מעהר ניט אַרבייטען און וויל דאָ מעהר ניט בלייבען."

„אַ פאַסקודנע שטאָט," האָט בעמערקט איינער פון דער קאָמפּאַני. וועלכער איז געווען עהנליך צו דזשאָן פאַלשטאַף.

„אַרבייט?" האָט פרעגענד אַקוק געטהאָן אויף דער סטעלע אַ צווייטער און האָט פערוואונדערט געפרעגט: „ווערט דען אַ מענש דערויף געבאָרען אויף דער וועלט?...

און אַלע מיט אַמאָל האָבען אָנגעהויבען שיטען מיט רייד, אויפוויזען קאָנאָוואַלאָוו'ן זיין רעכט אַלעס צו פערטרינקען, נאָכמעהר, זיין הייליגע פליכט אַלעס צו פערטרינקען דאָ מיט זיי אין קאָמפּאַני.

„אַ, מאַקסים... און די טאָרבע מיט איהם!" האָט קאָנאָוואַלאָוו זיך געוויצעלט דערזעהענדיג מיך. נו, קום שוין דו ביכעל-מאַן און פּאַר, סיי, גיס אַריין! איך בין ברודער אין גאַנצען אַראָב פון די שינען. אוים! איך וויל אַלעס פערטרינקען, ביז די האָר פון קאָפּ... ווען מעהר ווי די האָר וועלען אויף מיין קערפּער ניט בלייבען, וועל איך דאַן אויפהערען. מאַך אויך אַ כוס. אַה?"

ער איז נאָך ניט געווען שכור. נור זיינע בלויע אויגען האָבען געקוקט מיט אַ פערצווייפעלטע אויפרעגונג און טרויער, און זיין שעהנע זיידע־נע באָרד, וועלכע האָט בעדעקט זיין גאַנצע ברוסט, האָט יעדע מינוט געציטערט און די אונטערסטע האלב פון זיין געזיכט האָט זיך נערוועז בעוועגט.

„וואַרף עס אַוועק, סאַשאַ, לאָמיר אַוועק פון דאַנען..." האָב איך געזאָגט אַרויפלייגענדיג מיין האַנד אויף זיין אַקסעל.

„אַוועקוואַרפען?" ער האָט זיך צולאַכט. „ווען דו וואָלסט געקומען מיט אַ יאָהר צעהן צוריק און מיר געזאָגט דאָס... וואָלט איך, פיליכט גע־

וואַרפֿען טרינקען. און יעצט וועל איך שוין בעסער ניט אויפֿהערען...וואָס זאָל איך דען אַנדערש טהאָן? וואָס? איך פֿיהל דאָך אַלעס, יעדער בעוועגונג פֿון לעבען פֿיהל איך... נאָר פֿערשטעהן קען איך קיין זאַך ניט און וויים ניט מיין וועג... איך פֿיהל... און טרינק, ווייל מיר בלייבט מעהר גאָרניט איבער צו טהאָן... מאַך א שנאַפּס!"

זיין קאָמפּאַני האָט אויף מיר געקוקט מיט אַ דייטליכער אונצופֿרידענ־הייט, און אַלע צוועלף אויגען האָבען בעטראַכט מיין פֿיגור וויט ניט פֿריינד־ליך.

די אָרעמע קערלען האָבען מורא געהאַט, איך זאָל ניט צונעהמען קאָ־נאָוואַלאָוו'ן און זיי וועלען פֿערלירען די גוטע געלעגענהייט, אויף וועלכע זיי האָבען פֿילייכט געוואַרט אַ גאַנצע וואָך.

„ברידער! דאָס איז מיין חבר... אַ געלערענטער יונג, דער טייוועל זאָל איהם נעהמען! מאַקסים, קענסטו דאָ דורכלעזען וועגען סטענקאַ'ן?... אַך, ברידער, וואָס פֿאַר אַ ביכער עס גיט אויף דער וועלט! וועגען פֿילאַ'ן פֿילייכט, האָ?... מאַקסים?... ברידער, דאָס איז ניט קיין בוך, נאָר בלוט און טרעהרען... פֿילאַ—דאָס בין איך דאָך? מאַקסים!...סיסאָיקאַ, דאָס בין איך דאָך אויך... ביי גאָט! אָט איז עס ערקלעהרט געוואָרען!

ער האָט געקוקט אויף מיר מיט ברייטגעעפֿענטע אויגען, אין וועל־כע עס האָט זיך אָבגעשפּיגעלט שרעק און זיין אונטערשטע ליפּ האָט מאָדנע געציטערט. די חברה האָט ניט זעהר גערן געמאַכט פּלאַץ פֿאַר מיר ביים טיש. איך האָב מיך געזעצט נעבען קאָנאָוואַלאָוו'ן גראַדע אין דעמזעלבען מאָמענט, ווען ער האָט אַריינגעגאָסען אַ גלאָז ביר צומישט אויף האַלב מיט בראַנפֿען. עס האָט אויסגעזעהן, דאָס ער וויל גיכער פֿער־טומלען זיך מיט דעם געמישטען טרונק. אויסטרינקענדיג, האָט ער גענו־מען פֿון טעלער אַ שטיקעל פֿון יענעם, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי ליים, און וועלכעס האָט געהייסען פֿלייש, האָט דערויף אַקוק געטהאָן און האָט עס אַוואָרף געטהאָן אָן וואַנד.

די חברה האָט שטיל געוואָרטשעט, ווי אַ קאָמפּאַני הונגעריגע הינד איבער אַ ביין.

„אַ פֿערלאָרענער מענש בין איך... צוואָס האָבען מיך מיינע על־טערען געבראַכט אויף דער וועלט? מע וויים קיין זאַך ניט... אַ פֿינסטער־ניש!... אַן ענגשאַפֿט!... אַדיע, מאַקסים, אויב די ווילסט מיט מיר ניט טרינקען. אין בעקערייי געה איך ניט מעהר. עס קומט מיר פֿון בעל־הבית געלד. נעהם דאָס אָב און גיב עס מיר, וועל איך עס פֿערטרינקען... ניין! נעהם עס פֿאַר זיך אויף ביכער... דו נעהמסט? דו ווילסט ניט דאַרף

מען ניט...פֿיליכט נעהמסטו דאָך, האָ? נו, אויב אַזוי, ביסטו אַ חזיר...אַוועק פֿון מיר! אַוועק!

ער איז אַלס מעהר און מעהר שכור געוואָרען און אין זיינע אויגען האָט אַ בליץ געטהאָן אַ ווילדער פֿייער.

חברה איז יעדע מינוט פֿערטיג געווען מיך אַדויסצוואוואַרפֿען פֿאַר'ן קאָלנער, און איך, ניט וועלענדיג וואַרטען דערויף, בין אַליין אַוועק.

אין אַ שעה דריי שפּעטער, בין איך ווידער געווען אין „סטענקאַ", קאָ־נאָוואַלאָוו'ס קאָמפּאַני האָט זיך פֿערגרעסערט נאָך מיט צוויי פּערזאָן. אַלע זיינען געווען שכור, ער ווייניגער פֿון אַלעמען. ער האָט געזונגען, אָנשפּאָ־רענדיג זיך אָן טיש און קוקענדיג אויף'ן הימעל, דורך דער לאָך אין דער סטעלע. די שכורים האָבען זיך צוגעהערט, ליגענדיג און זיצענדיג אין פֿער־שידענע פּאָזען. אייניגע האָבען געשלוּקערצט.

געזונגען האָט קאָנאָוואַלאָוו באַריטאָן־שטימע, איבערגעהענדיג אין הוי־כע טענער אויף פֿאַלצעט, ווי אַלע אַרבייטערזינגער, אונטערשפּאַרענדיג די באַק מיט'ן האַנד, האָט ער מיט געפֿיהל אויסגעדרעהט טרויעריגע מעלאָדיען. שטייגערלעך, זיין געזיכט איז געווען בלאַס פֿון אויפֿרעגונג, די אויגען האַלב צוגעמאַכט, די האַלז אויסגעבויגען פֿאָראויס. אויף איהם האָבען געקוקט אַכט שכור'ע. אויסדרוקסלאָזע, רויטע פּיזיאָנאָמיעס. און נאָר צייטענווייז האָט זיך געהערט אַ בורטשען און שלוקערצען, קאָנאָוואַלאָוו'ס שטימע האָט געצי־טערט. געוויינט און געקרעכצט. און דאָס האַרץ האָט געבלוטעט הערענדיג דיזען וואוילען יונג זינגענדיג זיין טרויעריגעס ליד.

דער שווערער גרוך. די פֿערשוויצטע. שכור'ע פּנים'ער, די צוויי רויכער־דיגע פּאַראַפֿין־לאָמפּען, די פֿעררויכערטע, בלאָטיגע ווענט פֿון'ם שיינקער, די ערדיגע פּאָדלאָגע און די פֿינסטערניש, וועלכע האָט אָנגעפֿילט די שמוּ־ציגע גרוב,—דאָס אַלעס איז געווען טרויעריג און קריינקליך— פֿאַנטאַסטיש עס האָט אויסגעזעהן, ווי לעבעדיג־בעגראָבענע אין אַ קעלער פּראַווען זייער לעצטער סעודה און איינער פֿון זיי זינגט דעם לעצטעם מאָל פֿאַר זיין טויט, זיך געזעגענדיג מיט דער העלער זון און קלאָהרען הימעל. האָפֿנונגסלאָזע אומעט, רוהיגע פֿערצווייפֿלונג און אויסגאַנגסלאָזער שמערץ האָבען געקלונ־גען אין דער ליעד פֿון מיין חבר.

„איז מאַקסים דאָ? ווילסטו מיר פֿאַר אַ הויפּטמאַן? פֿריינד, קום צו מיר!" האָט ער מיט אַמאָל איבערגעריסען זיין עלעגיע און אויסגעצויגען צו מיר זיי־נע הענד. „איך בין, ברודער, אין גאַנצען פֿאַרטיג... איך האָב אָנגעקליבען אַ באַנדע רויבער... אָט איז זי... שפּעטער וועלען זיין נאָך מענשען... מיר וועד־רען געפֿינען!... דאָס איז ג־גאָרניש! פֿילאַ'ן און סימאָיקאַ'ן וועלען מיר אויך

רופֿען... און מיר וועלען זיי יעדען טאָג געבען קאַשע מיט פֿלייש... גוט? דו געהסט? נעהם מיט זיך ביכער... וועסט אונז פֿאָרלעזען וועגן סטענקאַ ראַסין און אַנדערע... פֿריינד! אַך, ווי איינג מיר איז, שלעכט... שלעכ־עכט, שלעכט!...״

ער האָט מיט זיין גאַנצער קראַפֿט אָזעץ געטהאָן איבער'ן טיש. די גלעזער און פֿלעשלעך האָבען אָנגעהויבען קלינגען און די גאַנצע קאָמ־פּאַני האָט זיך מיט אַמאָל אויפֿגעכאַפּט און אָנגעפֿילט דעם שיינקעל מיט אַ שרעקליכען און אַבשייליכען טומעל.

„טרינקט, חברה!״ האָט קאָנאָוואַלאָוו אויסגעשריען. „טרינק! מאַך זיך גרינגער אויף דער נשמה!... גיס, וויפֿיל עס געהט אַריין!״

איך בין פֿון זיי אַוועק. איך בין געשטאַנען פֿון דרויסען ביים טהיר און זיך צוגעהערט ווי קאָנאָוואַלאָוו האָט גע'טענה'ט, ווי מיט אַ בלייענעם צונג, און ווען ער האָט ווידער אָנגעפֿאַנגען זינגען בין איך אַוועק אין דער בעקעריי הינטער מיר האָט נאָך לאַנג געקרעכצט און געוויינט אין דער שטילקייט פֿון דער נאַכט, אַן אומגעלומפּערטע, שכור'ע ליד.

מיט צוויי טעג שפּעטער איז קאָנאָוואַלאָוו ערגעץ פֿערפֿאַלען געוואָרען פֿון שטאָט,

מיר איז נאָך איין מאָל אויסגעקומען זיך צו בעגעגענען מיט איהם.

* * *

מע דאַרף געבאָרען ווערען אין אַ קולטורנער געזעלשאַפֿט, אום צו געפֿינען אין זיך גענוג געדולד, אַבצולעבען אין איהר דעם גאַנצען לעבען און איין מאָהל ניט וועלען אַרויסרייסען זיך פֿון איהר, אַוועקגעהן ערגעץ וויים פֿון יענע שווערע אומשטענדען, וועלכע זיינען פֿערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ געזעץ דורך קליינינקע, גיפֿטיגע ליגענס; אַוועק פֿון דער ספֿערע פֿון קריינקליכע זעלבסטליבע, אידעאַלען סעהטאַנטיזם, אַבגעזונדערקייט, אַלערהאַנד אונערסטליכקייט און אונזיטליכקייט, מיט איין וואָרט, פֿון די אַלע הבל הבלים, וועלכע קיהלען אָב דאָס געפֿיהל און פֿערדאַרבען דעם פֿערשטאַנד. איך בין געבאָרען און ערצויגען געוואָרען אויסער דיזער געזעלשאַפֿט און דורך דער זעהר אַנגענעהמער פֿאַר מיר אורזאַכע, קען איך ניט איינגעהמען איהר קולטור אין צו גרויסע דאָזען, ניט פֿיהלענדיג שפּעטער אַ גרויסע נויטווענדיקייט אַרויסצוגעהן פֿון איהרע איינגע ראַמען און אַ ביסעל אָבפֿרישען זיך פֿון דעם גרויסען פלאָנטער פֿון דיזען אַרט לעבען.

אויף'ן דאָרף איז אויך כמעט אַזוי נודנע און אומעטיג ווי צווישען דער אינטעליגענץ. דאָס בעסטע איז. אַוועקצוגעהן אין די פריטאָנען פֿון די גרוי־

סע שטעט, וואו אַלעס איז אפילו שמוציג, אָבער דערפֿאַר זעהר איינפאַך און אויפריכטיג; אָדער געהן שפּאַצירען איבער די פעלדער און וועגען פֿון׳ם פֿאָטערלאַנד, וואָס איז אויך זעהר אינטערעסאַנט, עס פֿרישט גוט אָב און עס פֿאָדערט ניט קיין אויסגאַבען, אויסער אַפּאָר גוטע געזונטע פיס.

מיט אַיאָהר פינף צוריק האָב איך אונטערנומען אַזאַ שפּאַציר איבער דער הייליגער רוסלאַנד אָהן אַ בעשטימטען מאַרשרוט, בין איך אַריינגע־פֿאַלען אין פעדאָסיאַ, אויף דער קרים. אין יענער צייט האָט מען דאָרט אָנגעפֿאַנגען צו בויען אַ האַפען, און וועלענדיג פֿערדינען אַביסעל געלד אויף׳ן וועג, בין איך אַוועק צום האַפען זוכען אַרבייט.

פֿריהער האָב איך געוואָלט אַקוקן טהאָן אויף דער אַרבייט ווי אויף אַ בילד: איך בין אַרויף אויף אַ באַרג און האָב זיך דאָרט געזעצט. קו־קענדיג אונטען אויף דעם אונענדליכען שטאַרקען ים און די קליינינקע מענשעלעך, וועלכע ווילען איהם פֿערצוימען זיין וועג.

פֿאַר מיינע אויגען האָט זיך אויפגעעפֿענט אַ ברייטע בילד פֿון מענ־שליכע אַרבייט: דער גאַנצער שטיינערנער ברעג איז צוגראָבען, איבעראַל גריבער, קופעס שטיינער און האָלץ, טאַטשקעס, קלעצער, שטיקער אייזען דובינעס צו שלאָגען פאַליעס און אַנדערע שווערע אינסטרומענטען. און צווישען דעם אַלעם האָבען אין אַלע זייטען זיך בעוועגט מענשען, צוריי־סענדיג אַ באַרג מיט דינאַמיט און איהם נאָכהער געברעקעלט מיט העק און לאָמען, מאַכענדיג אַ פלאַץ פֿאַר באַן־רעלסען. אין גרויסע הילצערנע קאַסטענס האָט מען געקנאָטען ליים מיט צעמענט און געמאַכט דערפֿון ריזיגע שטיינער, וועלכע מע האָט אַראָבגעלאָזען אין ים, בויענדיג אַ צוים פֿאַר דער טיטאַנישער קראַפֿט פֿון זיינע אונרוהיגע כוואַלעס.

די מענשען האָבען אויסגעזעהן ווי ווערים אויף דעם גרויסען, דונקעל־ברוינעם באַרג, וועלכען זייערע הענד האָבען צוקריפעלט: און ווי ווערים זיינען זיי אַרומגעקראָכען צווישען קופעס שטיינער און שטיקער האָלץ, אין שטויב און שרעקליכער היץ. דער טומעל אַרום זיי און דער אָנגעברענטער הימעל איבער זיי, האָט געגעבען דער בעוועגונג דעם אויסזעהן, אַזוי ווי זיי וואָלטען זיך איינגעגראָבען אין באַרג און ווילען אַריינקריכען און זיינע שפּאַל־טען, אום זיך דאָרט צו בעהאַלטען פֿון דער ברענענדער היץ און פֿון דער טרויעריגער בילד דער צושטערונג.

אין דער פֿערשטיקטער לופֿט האָט זיך געטראָגען אַ הוזשעריי, עס האָט זיך געהערט די קלעפּ פֿון די העק אָן די שטיינער, טרויעריג האָבען געס־קריפעט די רעדלעך פֿון די טאַטשקעס, די ציגונענע „באַבע" איז שווער גע־פֿאַלען אויף די פאַליעס. די „דובינושקאַ" האָט געקלאָגט, עס האָבען געק־

לאַפּט די העק, אַרומטשעסענדיג די קלעצער, און אויף אַלעריי שטימען האָבען געשריען פֿינסטערע און גרויע בעוועגליכע פֿיגורלעך פֿון מענשען.

אין איין אָרט האָבען אַ קופּקע מענשען קרעכצענדיג געאַרבייט ביי אַ שטיק אָבגעריסענעם באַרג. מאַטערענדיג זיך עס אָבצורוקען פֿון אָרט אין אַ צווייטען פּלאַץ האָט מען געשלעפּט אַ קלאָץ, און ברעכענדיג זיך אונטער דער משׂא האָבען זיי געשריען;

„נע-ע-עס!" און דער צושפּאָלטענער באַרג האָט ווידערהאָלט: „אי-אי-אי!"

איבער אויסגעלייגטע ברעטער האָט זיך לאַנגזאַם בעוועגט אַ רייהע מענשען, בייגענדיג זיך אונטער זייערע טאַטשקעס שטיינער און זיי ענט-געגען זיינען געקומען מענשען מיט ליידיגע טאַטשקעס, לאַנגזאַם, אום צו געווינען אַן איבריגע מינוט רוה. אין איין אָרט זיינען געשטאַנען אַ צעהנדליג מענער און געשלאָגען פּאַליעס און איינער פֿון זיי האָט מיט אַן אומעדיגען קול געצויגען:

„אי-עכ-מאַ, ברידער, וואָס פֿאַר אַ היץ!"

„אי- עך! ווי עלענד מיר זיינען דאָ!"

„אָי-אָי דאַ דו-אובינושקאַ, אוכנעם!"

איבעראַל אויף דעם ווייטען פּלאַץ צווישען דעם באַרג און דעם ים האָבען זיך בעוועגט קליינע, גרויע מענשעלעך, וועלכע האָבען אָנגעפּילט די אַטהמאָספֿערע מיט זייערע הויכע געשרייען און מיט דעם שאַרפֿען גערוך פֿון זייערע הייסע פֿערשוויצטע קערפּערס. צווישען די מאַסען זיינען אַרומגעגאַנגען די אויפֿזעהערס אין ווייסע בלוזען מיט גרויסע בלאַנקע קנעפּ, וועלכע האָבען געגלאַנצט ווי קאַלטע, הערצלאָזע אויגען. און אי-בער דיזען בילד האָט זיך אויסגעברייט דער ריינער, בלויער הימעל און די זון האָט אַראָבגעשיקט איהרע הייסע, גליהענדע שטראַהלען צו דער ערד. גאַנצע וואָלקענס שטויב האָבען זיך אויפֿגעהויבען אין דער לופֿט און אַ כאַאָס פֿון די פֿערשידענסטע טענער האָט זיך געהערט, די האַר-טע סימפֿהאָניע פֿון דער אַרבייט, פֿילייכט די איינציגע מוזיק, וועלכע ערקוויקט ניט דעם אויער פֿון מענשען.

אין דער ווייטען האָט זיך אויסגעשפּרייט דער ים, רוהיג און מאַיעס-טעטיש, ביז ער האָט זיך פֿערשמאָלצען מיט דעם נעבליגען האָריזאָנט: זיינע קלאָרע, דורכזיכטיגע כוואַליעס האָבען זיך שטיל אָבגעקלאַפּט אָן ברעג און די רוהיגע טענער האָבען זיך פֿערמישט מיט דעם ליאַרעם און גערויש פֿון דער אַרבייט. שטראַלענדיג אים גלאַנץ פֿון דער זון האָט ער גוטמיטיג געשמייכעלט מיט דער מינע פֿון אַ גוליווער, וועלכער האָט

דעם בעוואוסטזיין פֿון זיין קראַפֿט און וועלכער וויס, דאָס איין איינציגע בעוועגונג פֿון איהם איז גענוג צו צושטערען דאָס גאַנצע ווערק פֿון דיזע ליליפּוטאַנער.

בלענדענדיג די אויגען דורך זיין שטראַהלענדען גלאַנץ האָט ער זיך אויסגעשפּרייט — גרויס, שטאַרק און גוט און זיין קרעפֿטיגער אָטהעם האָט אויפֿגעפֿרישט און ערקוויקט די מידע מענשען, וועלכע האָבען זיך אָבגעמאַטערט צו בעגרענעצען די פֿרייהייט פֿון זיינע כוואַליעס, דיזעלבע כוואַליעס, וואָס האָבען יעצט געקושט דאָס לאַנד מיט די צאַרטע און זאַנפֿטע קושען פֿון אַ פֿערליבטען.

עס איז געוועזן, אזוי ווי דער ים וואָלט בעדויערט דיזע מענשען: די יאַהרהונדערטע האָבען איהם געמאַכט בעגרייפֿען, אַז יעדע אָרעמע בע־שעפֿניסע, וועלכע ער זעהט יעצט ביי דער אַרבייט, האַנדלען איינענטליך ניט מיט אַ שרעכטען ווילען, זיי זיינען ניט מעהר ווי שקלאַפֿען, וועלכע האָבען די אויפֿגאַבע צו קעמפֿפֿען ברוסט אַן ברוסט געגען די ווילדע מאַכט פֿון די עלעמענטען, און דער ים ווייסט אויך, אַז די ראַבע פֿון די עלעמענטען איז אַ שטענדיגע דראָהונג געגען זייער לעבען. זיי האַל־טען אין איין בויען, זיי זיפֿצען און קווילען זיך שטענדיג אונטער דעם האַרטען יאָך פֿון דער ארבייט, זייער שוויס און בלוט איז דער סעמענט. וועלכער האַלט צוזאַמען אַלע בוי־ווערק פֿון דער ערד; אָבער זיי אַליין האָבען קיין זאַך ניט פֿון דעם, זיי פֿערשווענדען זייערע קרעפֿטע אין דיזעם אייביגען שאַפֿונגס אינסטינקט, וועלכער האָט וואונדער אויפֿגעטהאָן אין דער וועלט, אָבער דאָך איז ער ניט געווען אים שטאַנדע צו שאַפֿען ברויט און וואָהנונג פֿאַר אַלעמען. אויך זיי, די מענשען זיינען נאַר אַן עלעמענט צווישען אַלע אַנדערע, דערפֿאַר איז דער ים ניט בייז אויף זיי און קוקט פריינדליך אויף זייער אַרבייט, וועלכע ברייננט זיי ניט קיין נו־צען. דיזע קליינע, גרויע ווערעם, וועלכע האָבען פֿערענדערט דעם גאַנ־צען אויסזעהן פֿון בארג, זיינען געווען ווי די טראָפּען אין - דער ים מיט זיין אייביגען שטרעבען זיך אויסצושפּרייטען שפּריצט צו ערשט די איינ־צעלענע טראָפּען געגען די שפּיציגע, האַרטע פֿעלזען. וואו זיי ווערען צו־שמעטערט אויף די קאַלטע שטיינער און פֿערוואַנדלען זיך אין אַ פֿיינעס וואַסער־שטויב. אין זייערע מאַסען ווירקען דיזע טראָפּען אין מענשענגע־שטאַלט עהנליך ווי דער ים. זיי זיינען שטאַרק ווי די כוואַליעס און דורכ־געדרונגען פֿון דעמזעלבען צושטערונגס־אינסטינקט, ווי באַלד עס הויבע אָן צו שטורמען, דער ים קען דיזע שקלאַפֿען. ער ווייס זייער געשיכטע—ער האָט געזעהן, ווי זיי האָבען געבויט פּיראַמידען אין דער מדבר און ער דער־

מאָהנט זיך נאָך ווי היינט, ווען די שקלאַפֿען פֿון דעם קעניג קסערקסעס (אחשורש) האָבען געשלאָגען דינע כוואַליעס מיט אייזערנע ריטער, ווייל זיי האָבען צושטערט די בריקען פֿון דעם אַזיאַטישען טיראַן. זיי האָבען זיך ניט פֿערענדערט, שטענדיג זיינען זיי געבליבען דיזעלביגע, דיזע שקלאַ־פֿען— געהאָרכזאַם און געדולדיג. זיי זיינען געשטאָרבען פֿון הונגער און נויט און שטענדיג האָבען זיי אויסגעפֿירט אירגענד אַ גרויסע און וואונ־דערבאַרע זאַך. אָפֿטמאָל האָבען זיי פֿערגעטערט די יעניגע, וועלכע האָ־בען אַרויפֿגעלעגט אויף זייערע שולטערן דעם שווערען יאָך פֿון דער אַר־בייט, פֿילע מאָל האָבען זיי פֿערפֿלוכט זייערע בעהערשער און מאַנכעס מאָל האָבען זיי רעוואָלטירט געגען זיי...

מיט דעם רוהיגען שמייכעל פֿון אַ טיטאַן, וועלכער פֿיהלט אין זיך דעם בעוואוסטזיין פֿון זיין אונבעזיגבאַרע קראַפֿט, וועהט דער לעבעדיגער אָטהעם פֿון ים איבער יענעם אַנדערען טיטאַן, דעם טיטאַן פֿון דער אַר־בייט, וועלכער איז נאָך גייסטיג בלינד און פֿערשקלאַפֿט, און וועלכער גראָבט זיך ווי אַ וואָרים אין דער ערד, אַנשטאַט צו פֿליהען צום הימעל ווי אַן אָדלער. שטיל און ליבליך קושען די כוואַלים דעם ברעג, וואו די קליינע מענשעלעך טומלען זיך, וועלכע ווילען בויען אַ גרענעץ געגען דעם אייביגען ים, און דער קוש פֿון די כוואַלעס קלינגט וויא אַ זאַנפֿטעס ליד פֿון אַלטע פֿערגאַנגענע צייטען, אַ ליד פֿון אַלעם וואָס זיי האָבען געזעהען אויף דער ערד אים פֿערלויף פֿון די יאָהרהונדערטע...

צווישען די אַרבייטער זיינען געווען אַזעלכע מיט אַ פּעס אָדער אַ רויטען טורבאַן אויף'ן קאָפּ, מאָגערע, ברוינע געשטאַלטען אין בלויע יאַ־קען און ברייטע הויזען. ווי מען האָט מיר שפּעטער דערצעהלט זיינען עס געווען אַנאַטאָלישע טערקען. זייער האַרטע שפּראַכע, פֿון וועלכע עס האָט זיך זעהר שטאַרק ארויסגעהערט דער ח, האָט זיך פֿערמישט מיט דער שנעלער און קרעפֿטיגער אויסדרוקסווייסע פֿון די וואָס זיינען געקומען אויס דער וואָלגאַ־געגענד און מיט דער ווייכער שפּראַכע פֿון די קליין־רוסען.

אין רוסלאַנד איז דאַמאַלסט געווען אַ יאָהר פֿון הונגער און נויט דאָס האָט די מענשען פֿון אַלע געגענדען היער צוזאַמענגעטריבען. די לאַנדסלייט פֿון יעדער גובערניע האָבען געבילדעט קליינע גרופּען, וועלכע האָבען פֿעסט צוזאַמענגעהאַלטען: נאָר די קאָסמאָפּאָליטישע בראָדיאַגעס האָט מען אָנגע־טראָפֿען אין אַלע אַבטיילונגען און מען האָט זיי זאָפֿאָרט דערקענט דורך זיי־ער מערקווירדיגען דיאַלעקט, זייער קליידונג און זייער אונאַבהייניגע האַל־טונג. זיי האָבען זיך דייטליך אונטערשידען פֿון אַלע אַנדערע, וועלכע זיינען

נאָך צוגעבונדען געווען צו דער היימאַט: דער הונגער האָט זיי מאָמענ־טאַן אַוועקגעריסען פֿון זייערע דערפֿער, אָבער די אינערליכע פֿערבינדונג מיט דעם געליבטען שטיק לאַנד, וואו זיי זיינען געבאָרען געוואָרען איז געווען ביי זיי נאָך פֿריש און אונצערייסבאַר. אָבער די בראָדיאַגעס האָט מען געפֿונען אין אַלע גרופּען, זיי זיינען איבעראַל געווען אין דער היים, צווישען די קליין-רוסען און צווישען די לייט פֿון וויאַטקאַ. אַם צאָהל־רייכסטען זיינען זיי פֿערטרעטען געווען ביי דער „באַבאַ.״ ווייל דאָרטען איז די אַרבייט פֿע־העלטניסמעסיג לייכטער געווען, ווי די אַרבייט מיט די העק און די טאַטשקעס.

ווען איך בין צוגעקומען צו דער גרופּע נעבען דער באַבאַ, האָבען זיי גראַדע געמאַכט אַ פויזע מיט זייערע אַרבייט. די הענד, וועלכע האָבען פֿעסטגעהאַלטען די שטריק, האָבען זיך אָבגערוהט פֿאַר אַ קליינע ווײלע און דער אויפֿזעהר האָט פֿעריכט אַ קלייניגקייט ביי דער מאַשין, וועלכע איז ניט גאַנץ אין אָרדנונג געווען. ער האָט געאַרבייט אויבען אַף די באַל־קענס און פֿון צייט צו צייט האָט ער אַ געשריי געטהאָן:

„ציהט אָן!״

„האַ־אַ־אַלט!״ •

„ציהט אָן!״

האַ־אַ־אַלט!״

דער זינגער, אַ געוועזענער סאָלדאַט מיט אַ שמוציגען, ניט ראַזירטען געשטופעלטען געזיכט, האָט אַ הוסט געטהאָן און אַ אַנגעשטימט אַ ליד:

„די באַבאַ טרייבט די פּאַליע אין לאָך...״

די פֿאָלגענדע ווערטער, וועלכע אפילו דער טאָלעראַנטסטער צענ־זאָר וואָלט ניט דורכגעלאָזען, האָבען אַרויסגערופֿען אַ גוואַלדיגען געלע־כטער ביי אַלע אַרבייטער. עס איז וואַהרשיינליך געווען אַ שטיק אייגע־נע פֿאָעזיע פֿון דעם זינגער, וועלכער האָט זיך זעהר געשמייכעלט גע־פֿיהלט דורך דעם בייפֿאַל פֿון זיינע קאַמעראַדען. שטאָלץ ווי אַ קינסט־לער, וועלכער איז צוגעוואָהנט צו ערפֿאָלגען, האָט ער געגלעט זיינע וואָנ־צען און האָט זיך אַרומגעקוקט אין דעם קליינען קרייז.

פֿאָרווערטס!״ האָט דער אויפֿזעהר אַ געשריי געטהאָן. „זייט איהר ענט־שלאָפֿען געוואָרען?״

„שריי ניט אַזוי שטאַרק, מיטריטש! עס קען דיר נאָך פּלאַצען אַן אָדער!״ האָט איהם אַן אַרבייטער געענטפֿערט.

די שטימע איז מיר אַזוי בעקאַנט געווען און עס האָט זיך מיר אויסגע־דאַכט אַזוי ווי איך וואָלט זיך שוין אַמאָל בעגעגענט מיט דעם הויכען ברייט־

שולטעריגען מאַן... דאָס אָוואַלע געזיכט, די גרויסע בלויע אויגען, דאָס אַלעס איז מיר פֿאָרגעקומען אַזוי בעקאַנט, אפֿשר איז עס גאָר געווען קאָנאָוואַלאָוו? אָבער קאָנאָוואַלאָוו האָט דאָך ניט געהאַט דעם שרעקליכען סימן אין געזיכט, וועלכע האָט צוטהיילט דעם הויכען שטערען אין צוויי העלפֿטען: אויך די האָר פֿון קאָנאָוואַלאָוו זיינען ניט געווען אַזוי דונקעל און געקרייזעלט ווי ביי יענעם מאַן. מיין פֿריינד קאָנאָוואַלאָוו האָט געהאַט אַ פראַכטפֿאָלע, גרויסע באָרד, אָבער דער מאַן דאָרט איז געווען ראַזירט און האָט געהאַט שטאַרקע וואָנצען, ווי די קליינרוסישע פויערים. און דאָך איז מיר די גאַנצע ערשיינונג פֿון דיזען מענשען אַזוי בעקאַנט געווען, דאָס איך האָב מיר בעשלאָסען אָבצוּוואַרטען אַ פויזע און איהם צו פֿרעגען צו וועמען איך דאַרף זיך ווענדען, אום צו בעקומען אַן אַרבייט.

„אָ-אָ-אוך! אָ-אָ-אָך!" האָט געקרעכעצט די מאַסע פֿון אָנשטריינגונג. באַלד האָבען זיי זיך איינגעבויגען טיף צו דער ערד, באַלד האָבען זיי זיך אַ לאָז געטהאָן אין דער הויך, האַלטענדיג פֿעסט די שטריק אין זייערע הענד און עס האָט אויסגעזעהן, פונקט ווי זיי וואָלטען זיך אָבריסען פֿון דער ערד און פֿליהען אין דער לופֿטען, די באַבאַ האָט געקרעכעצט און געציטערט. איבער די קעפּ פֿון דער מאַסע האָבען זיך אויסגעשטרעקט די נאַקעטע, ברוינע, מיט האָר בעוואַקסענע הענד און האָבען זיך פֿעסט געקלאַמערט אָן די שטייף אָנגעצויגענע שטריק, וועלכע האָבען פֿעסט געהאַלטען דעם 25 פּוד שווערען שטאָל-בלאָק. די פּאַליע איז אימער טיפֿער איינגעדרונגען אין דער ערד און דער קלאַפּ פֿון דער באַבע איז געוואָרען אַלס שוואַכער. עס איז געווען אַ מערקווירדיגעס בילד פונקט אַזוי ווי אַ צאָהל געצענדינער וואָלטען אויסגעשטרעקט זייערע הענד מיט פֿערצווייפֿלונג און רעליגיעזער עקסטאַזע צו זייער שטומען געץ און וואָלטען זיך דאַן ווידער טיף פֿערנייגט פֿאַר איהם, די שמוציגע, צוהיצטע מיט שוויס בעדעקטע געזיכטער, די פֿייכטע, צוזואָרפֿענע האָר, וועלכע האָבען זיך צוגעקלעבט צום שטערען, די ברוינע רוקענס און די שולטערען, וואָס האָבען געציטערט פֿון דער אינערליכער אָנשטריינגונג. אלע דיזע האַלב נאַקעטע, נאָר מיט פֿאַרביגע העמדער און דינע הויזען בעקליידעטע קערפּערס האָבען אָנגעפֿילט די לופֿט מיט אַ שאַרפֿען שוויס-גערוך: און אַלע דיזע קערפּערס האָבען זיך בעוועגט ווי אַ ריזיגע מאַסע מוסקלען אין דער שטיקענדער, הייסער אַטמאָספֿהערע פֿון דעם זידליכען קלימאַט.

„לאָזט אָב!" האָט זיך פּלוצלונג געהערט אַ רויע ניט מוזיקאַלישע שטימע.

די הענד פֿון די אַרבייטער האָבען אָבגעלאָזען די שטריק און אלע האָ-

בען זיך אויסגעצויגען אויף דער ערד. שווער סאָפּענדיג האָבען זיי זיך אָב־געווישט דעם שוויס פון די געזיכטער און האָבען זיך געריבען דעם רוקען און די שולטערן. זייער געמורמעל האָט אָנגעפילט די לופט, ווי דער געברום פון אַ רויבטהיער.

„הער נאָר לאַנדסמאַן!" האָב איך זיך געווענדט צו דעם אַרבייטער, וועלכער איז מיר געווען אַזוי בעקאַנט.

ער האָט זיך לאַנגזאַם אַרומגעקוקט צו מיר און זיינע אויגען האָ־בען מיך אויפמערקזאם בעטראַכט.

„קאָנאָוואַלאָוו!"

„וואַרט אַביסעל!" האָט ער געזאָגט צו מיר און צוריקגעבויגען מיין קאָפּ מיט זיינע ריזיגע הענט, פונקט, אַזוי ווי ער וואָלט מיר געוואָלט כאַ־פּען ביי'ן גאָרגעל. און פּלוצלונג האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אויף זיין געזיכט אַ פרעהליכער, גוטמוטיגער שמייכעל.

„מאַקסים! ביזטו דאָס — דער טייוועל זאָל דיר נעהמען ברודער לע־בען! ביזטו דאָס אין אמת'ען, אַלטער פריינד? ביזט אַלזאָ אויך פערבלאָנ־דזשעט געוואָרען! געוואָרען אַ בראָדיאַגע, האַ?... דאָס איז גרויסאַרטיג, מיין ליעבער, אויסגעצייכענט!...ס'גיט ניט קיין שעהנערעס ווי פריי אַרומצוואַ־וואַנדערען אין דער ווייטער וועלט!... ביזטו שוין לאַנג היער? פון וואַנען קומסטו? .. מיר וועלען די גאַנצע ערד יעצט בעוואַנדערען צוזאַמען!... וואָס איז דאָס דען געווען פאַר אַ לעבען, וואָס מיר האָבען פריהער גע־לעבט? אימער געביינקט און זיך געלאַנגווײלט! מען קען דאָך פערפוילט ווערען לעבעדיגערהייט... און איך, ברודער, בין פון דאַמאָלסט אָן אַרום־שפּאַצירט אין דער וועלט! וואו בין איך ניט געווען?... וואָס פאַר אַ לופט האָב איך ניט איינגעאָטהעמט?... אָבער ווי פיין דו קוקסט אויס... מען קען דיר גאָר ניט דערקענען... נאָך דער קליידונג קוקסטו אויס ווי אַ סאָל־דאַט און נאָך דעם געזיכט ווי אַ סטודענט... נו, זאָג אַליין, איז עס ניט אַ פראַכטפאָלער לעבען, שטענדיג וואַנדערען פון אָרט צו אָרט... און דעם סטענקאַ, פערשטעהסטו מיר, האָב איך אויך ניט פערגעסען... אויך ניט דעם טאַראַס, דעם פילאַ און אַלע אַנדערע, זיי אַלע לעבען נאָך אין מיינע געדאַנקען..."

ער האָט מיר געגעבען אַ קלאַפּ מיט זיין ברייטע האַנד אויף דעם רעכטען שולטער, גראַדע ווי ער וואָלט געוואָלט מאַכען פון מיר אַ ביפ־סטעק, איך האָב גאָר ניט געפונען גענוג ווערטער איהם צו ענטפערען אויף אַלע פראַגען און איך האָב נאָר שטיל געשמייכעלט, קוקענדיג אויף זיין גוטעס, עהרליכעס געזיכט, וועלכעס האָט געגלאַנצט פון פערגעניגען

אויך איך האָב זיך דערפֿרעהט איהם ווידער צו זעהען. דער בעגעגענען זיך מיט איהם האָט מיר דערמאָהנט אין מיינע ערשטע שריט אין דעם לעבען, וועלכע זיינען געווים בעסער געווען, ווי די שפּעטערע.

ענדליך האָב איך געפֿונען אַ געלעגענהייט, צו פֿרעגען מיין אַלטען פֿריינד קאָנאָוואלאָוו, ווי אַזוי ער האָט געקראָגען דעם צייכען אויף'ן שטערען און זיינע לאָקישע האָר.

„דאָס איז געווען אַזאַ מעשה," האָט ער אָנגעהויבען צו דערצעהלען, „עס האָט זיך מיר פֿערוואָלט צוזאַמען מיט נאָך צוויי קאַמעראַדען אַריבערצוגעהן דעם רומענישען גרענעץ, אום צו זעהען, ווי עס זעהט אייגענטליך אויס אין רומעניען... ס'איז געווען ניט ווייט פֿון דעם שטעטעל קאַגול אין בעסאַראַביע, וואו מיר האָבען פֿערזוכט אריבערצוקומען. אין דער נאַכט האָבען מיר זיך גאַנץ שטיל פֿערטיג געמאַכט אויף'ן וועג, פּלוצלונג האָט יעמאַנד געגעבען אַ געשריי: „האַלט! ווער איז דאָס?" מיר האָבען זיך אָנגעשטויסען מיט'ן נאָז פונקט אויף די זעלנער מיר זיינען נאַטירליך באַלד ענטלאָפֿען געוואָרען, אָבער די זעלנער. האָבען אונז פֿערפֿאָלגט און איינער האָט מיר געגעבען אַ שניט איבער'ן קאָפּ, דאָס עס איז מיר פֿינסטער געוואָרען אין די אויגען. פֿיער וואָכען בין איך געלעגען אין האָספּיטאַל און הער נאָר אויס, וואָס פֿאַר אַ מערקווירדיגער צופֿאַל עס האָט זיך דאָרט געמאַכט: דערזעלבער סאָלדאַט, וועלכער האָט מיך פֿערוואונדעט, איז באַלד נאָך דעם אויך אַריינגעשלעפּט געוואָרען אין האָספּיטאַל, און זיי האָבען איהם געלעגט דירעקט נעבען מיין בעט. מיר האָבען זיך בעקענט און צולעצט האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז ער קומט פֿון מוראַם, ס'איז אַלזאָ געווען אַ לאַנדסמאַן מיינער. א שמוגלער האָט איהם אַריינגעשטעקט אַ מעסער אין בויך. נאָך דעם ווי ער איז ווידער געקומען צו זיך, האָט ער מיר אַלעס דערצעהלט. „נו, האָב ניט קיין פּאַראיבעל אויף מיר," האָט ער געזאָגט, „איך האָב דיר געשפּאָלטען דעם קאָפּ, אָבער וואָס קען איך מיר העלפֿען, איך בין געווען אין דינסט. מיר האָבען נעמליך געגלויבט, איהר זייט שמוגלער און זיי מאַכען אונז אָן פֿיל אַרבייט. דו זעהסט דאָך אַליין, וואָס זיי האָבען געמאַכט פֿון מיר..." איך האָב איהם אויך קיין שנאה ניט נאָכגעטראָגען און מיר זיינען זאָגאַר געוואָרען גוטע פֿריינדע. ס'איז געווען אַ גרויסאַרטיגער יונג, דער סאָלדאַט יאַשקאַ מאַסור. און די לאָקען... די, ברודער, זיינען מיר געבליבען פֿון טיפֿוס. ווען איך בין נעמליך אַ'רויס פֿון האָספּיטאַל, האָבען זיי מיר פֿערשפּאַרט אין קישענעוו אין טורמע. זיי האָבען מיר געוואָלט אַריינלעגען, וואָס איך בין אַריבער דעם גרענעץ אָהן אַן ערלויבניש. אין טורמע האָב איך בעקומען דעם טיפֿוס, און

ווען ניט די וועכטערן, אַ גרויסאַרטיגע מיידעל, זאָג איך דיר, וואָלט איך שוין לאַנג קראַפּירט. ווי אַ קינד האָט זי מיר געפּלעגט. זי האָט מיר פאַרגעלעזען רעליגיעזע ביכער, אַמאָל, ווייסטו, האָט זי מיר פאָרגעלעזען אַ בוך פון אַן ענגלישען מאַטראָז, זיין שיף איז אונטערגעגאַנגען און ער אַליין האָט זיך גערעטעט אויף אַן איינזאַמען אינזעל, וואו עס זיינען ניט געווען קיינע מענשען, דאָס בוך איז מיר זעהר געפעלען געוואָרען... איך וואָלט זעהר צופרידען געווען צו וואָהנען מיט איהם צוזאַמען... אָך, וואָס פאַר אַ לעבען דאָס וואָלט געווען! דער אינזעל, דער ים און דער הימעל— און דו לעבסט גאַנץ אַליין, קיינער זאָגט דיר קיין דעה ניט, דו ביזט פריי און האָסט אַלעס, וואָס דו דאַרפסט צו לעבען. אַ ווילדער איז אויך געווען אויפ'ן אינזעל, נאָר איך וואָלט איהם גאַנץ איינפאַך דערטרונקען. צו וואָס דאַרף איך איהם, דעם שוואַרצען טייוועל. ס'איז מיר אַליין אויך ניט לאַנגווייליג..."

איך האָב איהם איבערגעשלאָגען זיינע רעד, אום צו הערען, וואָס עס איז ווייטער מיט איהם געוואָרען אין קישינעוו,

„אין קישינעוו? כ'האָב זיך גאַנץ פערגעסען... ווי האָבען מיר געשטעלט פאַר'ן געריכט, נאָר מען האָט מיר באַלד בעפרייט. גאַנץ איינפאַך... ווייסטו וואָס איך וויל דיר גאָר זאָגען, ברודער, איך וועל אוועקלעגען די אַרבייט פאַר היינט. איך האָב שוין ווירקליך גענוג געהאָרעוועט, כאַפּט עס דער רוח. איך האָב נאָך דריי רובעל, און פופציג קאָפּקעס קומט מיר נאָך פאַר אַ האַלבען טאָג, דאָס איז דאָך אַ גאַנצער קאַפּיטאַל! קום, מאַקסים, מיר וועלען לעבען היינט אַ גוטען טאָג... איך וואָהן ניט היער צוזאַמען מיט די אַנדערע, מיר האָבען ניט ווייט פון היער אַ הייל אין באַרג, איך און נאָך אַ קאַמעראַד, ער איז ליידער קראַנק יעצט, זעהר אַ בעקוועמע וואָהנונג, זאָג איך דיר... וואַרט אַ ווײלע... איך וועל מיר לאָזען געבען געלד פון'ם אויפזעהער."

ער האָט זיך שנעל אויפגעהויבען און איז אַוועקגעגאַנגען. וועהרענד די אַנדערע האָבען זיך ווידער גענומען צו דער אַרבייט. איך בין געבליבען זיצען און מיינע אויגען האָבען געקוקט אויף די אונערמידליכע טהעטיגקייט און אויף דעם רוהיגען בלוי-גרינען ים.

קאָנאָוואַלאָוו'ס הויכגעוואַקסענע געשטאַלט האָט זיך בעוועגט צווישען די גרופּען אַרבייטער און די אָנגעוואָרפענע באַלקען און שטיינער, ער האָט געטראָגען אַ בלויע בלוזע, וועלכע איז איהם געווען צו ענג און קליין, אַ פאַר דינע לייווענטענע הויזען און גראָבע, שווערע שיך, אַ גאַנצער וואַלד פון דונקעל-בלאָנדע האָר האָט בעדעקט זיין מעכטיגען קאָפּ. ער האָט בעוועגט די

הענד היין און הער געהענדיג און פון צייט צו צייט האָט ער מיר געמאַכט אַ צייכען מיט'ן האַנד. ער האָט זיך מיר אויסגעוויזען אַלס גאַנץ אַ נייער מענש, אַזוי רוהיג גוטמוטיג און שטאַרק, איבעראַל האָט מען געאַרבייט דאָס האָלץ האָט געקראַכט און געקנאַקט, שטיינער זיינען געהאַקט גע-וואָרען, די רעדער פון די טאַטשקעס האָבען געסקריפעט און גאַנצע וואָל-קענס פון שטויב האָבען זיך אויפגעהויבען אין דער לופטען. ערגעץ וואו איז אַראָבגעפאַלען אַ שווערע לאַסט, אַז די ערד האָט געציטערט און די מענשען האָבען געזונגען, געשריען, געליאַרעמט און געקרעכצט פון אָנ-שטריינגונג. און אין מיטען פון דיזען כאַאָס פון טענער און בעוועגונגען האָט זיך בעוועגט די שטאָלצע פיגור פון מיין פריינד קאָנאָוואַלאָוו. זיין זיכערער און זעלבסטבעוואוסטער גאַנג איז פאַר מיר געווען אַ נייע ער-שיינונג.

שפעטער מיט צוויי שטונדען זיינען מיר געווען אין דער הייל, וועלכע קאָנאָוואַלאָוו האָט מיר פאָרגעשטעלט אַלס זיין נייע וואָהנונג, עס איז געווען אַ פיערקיגע עפענונג, וועלכע מען האָט אויסגעבראָכען אויס די פעל-זען, אין וועלכער פיער מאַן האָבען געקענט געפינען פלאַץ. זי איז גע-ווען זעהר נידריג און דירעקט איבער דעם איינגאַנג איז געהאַנגען אַ גרויסער שטיין. וועלכער האָט יעדען אויגענבליק געקענט אַראָבפאַלען אין הייל. איך האָב ניט געוואָגט גאַנץ אריינצוקריכען און פאָלגענדיג דעם ביישפיל פון מיין פריינד, האָב איך דעם אונטערשטען טהייל פון מיין קער-פער אַריינגעשטעקט אין דער קאַלטער עפנונג, וועהרענד אונזערע קעפ זיי-נען געבליבען אין דרויסען אין דער הייסער גלוט פון דער זון, דירעקט אונ-טער דעם גרויסען פעלזענשטיין, ווען ער וואָלט פלוצלונג אַראָבגעפאַלען וואָלט ער אונז נאָר צושמעטערט די קעפ, דער איבריגער טהייל פון אונזערע קערפערס וואָלט געבליבען גאַנץ.

קאָנאָוואַלאָוו'ס פריינד, דער קראַנקער בראָדיאַגע איז אין גאַנצען אַרויסגעקראָכען פאַר דער זון און האָט זיך אויסגעצויגען צוויי טריט פון אונז אויף ערד און מיר האָבען דייטליך געקענט זעהן ווי דאָס פיבער האָט גע-וואָרפען זיין גאַנצען קערפער. ער איז געווען אַ הויכער, מאָגערער, אַ מאַלאָ-רוסייסקי אויס פאָלטאַוואַ — אָדער פילייכט אויס קיעוו ווי ער האָט מיר גע-זאָגט פערטראַכטערהייט.

„דער מענש לעבט אַזוי לאַנג אויף דער וועלט, אַז עס מאַכט גאָר ניט אויס, ווען ער פערגעסט, וואו ער איז געבאָרען געוואָרען. עס איז אין שוואַרץ יאָהר, עס איז אַן און פאַר זיך אַ גרויסער אונגליק געבאָרען צו ווערען, און עס ווערט ניט בעסער, ווען מיר וויסען וואו מיר זיינען געבאָרען געוואָרען!“

ער האָט זיך געקרימט אויף דער ערד און האָט פֿערזוכט זיך פֿעס־טער איינצואוויקלען אין אַן אַלטע, צוריסענע שמאַטע, אָבער עס איז גע־ווען אונמעגליך און ער האָט אַנגעפֿאַנגען צו שעלטען, דען עס איז איהם ניט גוט געווען אויף'ן האַרצען. זיינע קליינע שוואַרצע אויגען האָט ער שטענדיג צוזאַמען געצויגען, פונקט אזוי ווי ער וואָלט אירגענד אַ זאַך גענוי בעטראַכטען,

די זון האָט געברענט אויף אונזערע קעפּ און קאַנאַוואַלאָוו האָט געמאַכט פֿון מיין סאָלדאַטען-מאַנטעל אַ קינסטליכען שירעם, אָבער עס איז טראָץ דעם נאָך געווען זעהר הייס. פֿון דער ווייטען האָט זיך גע־הערט דאָס דומפּפֿע גערויש פֿון דער אַרבייט, אָבער די אַרבייטער האָ־בען מיר ניט געקענט זעהען. רעכטס פֿון אונז האָט מען געזעהען די ווייסע הייזער פֿון דער שטאָט אַם ברעג ים און לינקס האָט זיך אויסגעב־רייט דער ים, רוהיג און מאַיעסטעטיש אין זיין אונענדליכער ווייטקייט. עס איז געווען אַ פֿאַנטאַסטישע בילד מיט וואונדערבאַרע, ווייכע און צוויבערהאַפֿטע פֿאַרבען, וועלכעס האָט ערקוויקט אונזערע אויגען און טיף בעריהרט אונזער זעעלע.

קאַנאַוואַלאָוו האָט געקוקט אין דערווייטען און מיט אַ גליקליכען שמייכעל האָט ער געזאָגט צו מיר:

„ווען די זון וועט אונטערגעהען, וועלען מיר אָנצינדען אַ פֿייער און קאָכען טעה, ברויט און פֿלייש האָבען מיר. אפֿשר ווילסטו דערווייל עסען אַ קאַוועגע?"

ער האָט אַרויסגעשלעפּט מיט'ן פֿוס אַ קאַוועגאַ פֿון הייל און האָט אַרויסגעצויגען אַ מעסער פֿון קעשענע איהר אָבצושיילען. טהוענדיג זיין אַרבייט האָט ער צו מיר געזאָגט:

„אימער ווען איך זעה דעם ים, שטעלט זיך מיר די פֿראַגע, וואָרום וואָהנען אייגענטליך אַזוי וועניג מענשען נאָהנט ביים מעער? איך גלויב, אַז זייער כאַראַקטער וואָלט פֿיל בעסער געוואָרען פֿון דעם. דער ים איז אַזוי פֿול מיט ליעבע און ערוועקט ביים מענשען אַזעלכע גוטע געדאַנקען... נו, אָבער לאָמיך שוין הערען ווי האָסטו פֿערבראַכט די גאַנצע צייט?"

איך האָב איהם דערצעהלט פֿון מיינע וואַנדערונגען און ער האָט זיך שטיל צוגעהערט. דער קראַנקער בראָדיאַגע האָט אונז ניט געשענקט קיין אויפֿמערקזאַמקייט. ער האָט זיך רוהיג געלאָזט דורכוואַרעמען פֿון דער זון, וועלכע האָט זיך שוין אַראָבגעלאָזט צום ים. פֿון דערווייטען האָט זיך דער ים שוין געפֿאַרבען מיט פורפור און גאָלד און ווייסע, ראָזיגע וואָלקען האָבען זיך געצייגט אַרום דער זון ווי אַ דינער, דורכזיכטבאַרער רויך. עס

האָט אויסגעזעהען, אזוי ווי פֿון דער טיפֿקייט פֿון ים וואָלטען פלוצלונג אַרויפֿגעקומען, ווייסע, שפּיציגע אייזבערג, וועלכע האָבען צויבערהאַפֿט געגלאַנצט אים רויטען ליכט פֿון דער אונטערגעהענדער זון. פֿון דער־וויטען האָט מען נאָך אימער געהערט דעם טרויריגען געזאַנג פֿון דער „דובינושקאַ” און דעם קראַכען פֿון די דינאַמיט, די שאָטענס פֿון די פֿעל־זען זיינען געוואָרען אַלס לענגער און שוואַכער און זיינען אימער נעהנ־טער געקומען צו אונזער הייל.

„ס'איז ניט קלוג פֿון דיר, מאַקסים, וואָס דו טרייבסט זיך שטענ־דיג אַרום אין די גרויסע שטעדט,” האָט קאַנאָוואַלאָוו געזאָגט מיט אַ טיי־פֿער איבערציייגונג, נאָך דעם ווי איך האָב איהם דערצעהלט אַלע איינ־צעלהייטען פֿון מיינע לעצטע לעבענס-יאָהרען. „וואָס געפֿינסטו אייגענט־ליך דאָרטען? דאָס לעבען איז דאָרט ענג און שמוציג. ניטאָ קיין לופֿט, קיין פלאַץ, וועלכער דער מענש געברויכט דאָס צום ערשטען. די מענ־שען — זאָגסט דו? וואָס צום טייוועל ווילסטו פֿון די מענשען? דו האָסט דאָך דיין פֿערשטאַנד, בעזיצסט בילדונג, צו וואָס דאַרפֿסטו די מענשען, זאָג מיר? וואָס קענען זיי דיר געבען? און אויסערדעם קענסט זיי אימער געפֿינען אויב דו דאַרפֿסט זיי אַמאָל...”

„זעהר ריכטיג!” האָט דער קראַנקער מאַלאָראָס צוגעשטימט, וועלכער איז געלעגען אויף דער ערד צוזאַמען געראָלט וויא אַ שלאַנג, „מענשען גע־פֿינט מען איבעראַל!... עס זיינען דאָ צופֿיל... וואו מען זאָל זיך ניט קעהרען טרעט מען זיי אויף דיא פֿיס, זיי פֿערמעהרען זיך וויא דיא אייער־שוואָמען נאָך אַ רעגען...”

און מיט דער גלייכגילטיגקייט פֿון אַ סעקפּטיקער האָט ער אויסגע־שפּיגען און האָט זיך פֿעסטער איינגעוויקעלט אין זיינע קליידער.

„איך מוז עס דיר נאָך אַמאָל זאָגען,” האָט קאָנאָוואַלאָוו פֿאָרטגע־זעצט זיין געשפּרעך, „אין די שטעט איז ניט גוט צו לעבען. וואָס גע־פֿינסטו דען דאָרטען? קיין אַנדער זאַך ווי קראַנקהייט און אונאָרדנונג! און וואָס אָנבעלאַנגט דיינע ביכער, צו וואָס טויגען זיי דיר? דער מענש איז דאָך ניט געבוירען געוואָרען, אום ביכער צו לעזען... מעהרסטען טהיילס זיינען עס דאָך אַלטע באָבע-מעשות, וואָס דו געפֿינסט דאָרטען, נאַרישקייטען... נו, טהו ווי דו פֿערשטעהסט... פּאַק דיר רוהיג איין דיין קלומיקעל דערמיט... הער נאַר, מאַקסים, ווילסו ניט מיטקומען נאָך טאַש־קענט? נאָך סאַמאַרקאַנד אָדער ערגעץ אַנדערש? מיר קענען אויך געהען נאָך דעם אַמור... וואָס דענקסטו דערצו? ברודער לעבען, איך האָב מיר בעש־לאָסען צו וואַנדערען דורך אַלע עקען פֿון דער וועלט, ס'איז דאָך דאָס

שעהנסטע, דו געהסט און זעהסט אימער נייעס... דו האָסט קיינע זאָרגען... אַ פרישער ווינטעל וועהט דיר אַנטקעגען און בלאָזט דיר אַראָב דעם שטויב פון דער נשמה. עס ווערט דיר לייכט און פריי אויף'ן הארצען... קיין מענש וועט דיר צו קיין זאַך ניט צוויגגען... ווען דו ווערסט הונגע-ריג, דאַן אַרבייטסטו פאַר אַ ווײלע, ביז דו האָסט ווידער פערדינט אַ פאָר גראָשען, און אויב דו געפינסט ניט קיין אַרבייט, אַ שטיק ברויט גיט דיר יעדער, דו זעהסט צום ווענינסטען אַ גוטע שטיק פון דער ערד און פי-לע שעהנע זאַכען— נו, וואָס דענקסטו דערצו?"

רי זון איז אונטערגעגאַנגען, די וואָלקענס איבער דעם ים זיינען גע-וואָרען שוואַרץ און פינסטער און דער ים אַליין האָט אָנגענומען אַ דונ-קלען אויסזעהען. דאָ און דאָרט האָבען זיך שוין געוויזען אַ פאָר שטערען. דער ליאַרעם פון דער אַרבייט איז שטיל געוואָרען און נאָר פון צייט צו צייט האָט דער ווינט אַריבערגעטראָגען צו אונז דעם געשריי פון די מענ-שען ווי שטילע זיפצען. פון דערווייטען האָט זיך געהערט דער מעלאַנ-כאָלישער געזויש פון די כוואַליעס. די פינסטערניש איז געוואָרען אַלץ שוואַכער און, די געשטאַלט פון דעם קראַנקען בראָדיאַגע, וועלכען מיר האָבען מיט פינף מינוטען בעפאָר נאָך דייטליך געקענט זעהן, האָט יעצט אויסגעזעהען ווי אַ דונקעלע פאָרמלאָזע מאַסע.

„אַ גוטער פייער וואָלט יעצט ניט געקענט שאַדען," האָט דער פי-בער-קראַנקער געזאָגט צו קאָנאָוואַלאָוו'ן.

„באַלד וועט זיין פייער אויך," האָט קאָנאָוואַלאָוו געענטפערט.

ער האָט פון ערגעץ אַ ווינקעל אַרויסגעשלעפּט אַ פאָר שטיקער האָלץ און אָנגעצונדען אַ פייער. די פייעריגע צינגער פון די פלאַמען האָ-בען צערטליך געלעקט דאָס אויסגעטריקענטע האָלץ און אַ ווייסער רויך האָט אָנגעפילט די פייכטע זאַלציגע אַטמאָספהערע. אַרום אונז איז געוואָרען אימער שטילער. עס האָט מיר אויסגעוויזען, אַזוי ווי דאָס לעבען וואָלט זיך אימער מעהר אָבגערוקט פון אונז און אַזוי ווי זיינע לעצטע טענער וואָלטען צופלאָסען אין דער דונקעלער ווייטקייט. די וואָלקענס האָבען זיך צוריקגעצויגען און אויף'ן דונקעל-בלויען הימעל האָבען זיך געוויזען די גאָלדענע שטערען און האָבען זיך אָבגעשפיגעלט אין דונקעלען ים. פון דערווייטען האָבען געגלאַנצט די ליכטער פון די קליינע פישער-שיפלעך ווי בלוט-רויטע פונקען איבער דעם וואַסער... די פלאַמען פון אונזער פייער האָבען געפלאַקערט אין דער הויך ווי גרויסע רויט-געלע בלומען. קאָנאָוואַ-לאָוו האָט אַרויפגעשטעלט דעם טעה-קעסעל אויף'ן פייער און אַרומגעה-מענדיג זיינע ביידע קניע איז ער געזעסען אויף דער ערד און האָט געקוקט

פֿערטראַכטערהייט אין די רויטע גלות. זיין קראַנקער פֿריינד איז לאַנג־זאַם צוגעקראָכען צום פֿייער און האָט זיך אַוועקגעלעגט דיכט נעבען די פֿלאַמען.

„דאָ האָבען זיי אַלזאָ געבויט גרויסע הייזער און מעכטיגע שטעט," האָט קאָנאָוואַלאָוו אונטערבראָכען די שטילקייט, „האָבען זיך צוזאַמענ־געקליבען אין אונגעהייערע מאַסען, פֿערפעסטען די ערד און דערשטיקען זיך געגענזייטיג... אויך מיר אַ לעבען! ניין, אונזער דאַזיין איז דוכט זיך דאָך אַ בעסערער..."

„איך וואָלט גאַנץ צופֿרידען געווען," האָט דער קראַנקער בראָדיאַגע זיך אַריינגעמישט מיט אַן איראָנישען שמייכעל, „ווען מען וואָלט אין ווינ־טער געהאַט אַ גוטען פעלץ און אַ אָרעמע הייזעל... דאַן וואָלט עס אין דער אמת׳ען געווען אַ פֿיינער לעבען."

ער האָט צוזאַמענגעצויגען די אויגען און האָט קאָנאָוואַלאָוו׳ן אָנ־געקוקט מיט אַ שמייכעל.

„הם—יאַ," האָט קאָנאָוואַלאָוו געמורמעלט, „דער ווינטער איז אַ גאַנץ שלימע צייט... אים ווינטער קען מען ליידער ניט אַויסקומען אָהן די שטעט... דאָס איז ריכטיג... אָבער צו וואָס דאַרף מען אַזעלכע גרויסע שטעט?... וואָס פֿאַר אַ נוצען ברייגנען זיי? צו וואָס טרייבט מען דאָס אָרעמע פֿאָלק מיט געוואַלד צוזאַמען, ווייסענדיג ווי שווער עס קומט אָן צו פֿעראייניגען נאָר צוויי אָדער דריי מענשען?... אַ שלעכטע זאַך, דאָס מען קען אין ערגעץ ניט געפֿינען, וואָס מען ווינשט זיך— ניט אין שטאָט און ניט אין סטעפּ איז פּלאַץ פֿאַר׳ן מענשען, אם בעסטען איז, מען דיינקט גאָר ניט וועגען דעם... עס בריינגט ניט קיין נוצען און פייניגט די האַרץ..."

איך האָב געגלויבט, אַז קאָנאָוואַלאָוו איז געוואָרען אין גאַנצען אַן אַנדער מענש, און דאָס זיין יעצטיגער פֿרייער לעבען, די פֿרייע לופֿט, וועלכע ער האָט איינגעאָטהעמט אויף זיינע וואַנדערונגען, האָט אַראָב־גענומען פֿון זיין האַרץ זיין פֿריהערדיגע טרויעריגקייט און די שמערצ־ליכע געפֿיהלען פֿון זיין נשמה. אָבער זיין לעצטע ווערטער האָבען מיר פּלוצ־לונג געציינגט, דאָס ער איז נאָך אימער דער זעלבער אונגליקליכער מענש ווי בעפֿאָר, וועלכער זוכט אַ פֿעסטען פונקט, אַ ציעל פֿאַר זיין לעבען. דער ביטערער צווייפֿעל איבער דעם זין פֿון לעבען האָט נאָך אימער גע־פייניגט דעם גייסט פֿון דיזען וואונדערבאַרען מענשען, וועלכער האָט געהאט דעם אונגליק געבאָרען צו ווערען מיט אַ צו ווייכע האַרץ, עס גיט פֿילע אַזעלכע טרוימערס אים רוסישען פֿאָלק זיי זיינען אונגליקליכער ווי אַלע אַנ־דערע, ווייל די לאַסט פֿון זייערע געדאַנקען ווירקט שווער אויף זיי דורך די

בלינדהייט פֿון פֿערשטאַנד. איך האָב אַ מיטליידיגען קוק געטהאָן אויף מיין פֿריינד, און פּונקט אַזוי ווי ער וואָלט בעגריפֿען מיינע געדאַנקען, האָט ער מעלאַנכאָליש געזאָגט צו מיר:

„איך האָב זיך ווידער דערמאָהנט אין אַלעס, מאַקסים, ווי אַזוי מיר האָבען פֿריהער געלעבט... ווי פֿיל האָב איך זייט דעם געזעהען פֿון דער וועלט, וויפֿיל האָב איך ניט דורכגעמאַכט... און דאָך האָב איך אין ער־געץ ניט געפֿונען קיין רעכטען פּלאַץ אים לעבען. ווי פֿיל איך האָב מיר ניט אַרומגעקוקט..."

„וואַרום ביזטו געבוירען געוואָרען מיט אַ האַלדז, אויף וועלכען עס פּאַסט ניט קיין יאָך?" האָט דער קראַנקער בראָדיאַגע גלייכגילטיג איבער־געשלאָגען זיינע ווערטער, אַראָבנעהמענדיג דעם קעסעל פֿון פֿייער.

„ניין, זאָג מיר נאָר," האָט קאָנאָוואַלאָוו פֿאָרטגעזעצט זיינע רייד, „וואַרום געפֿין איך אייגענטליך קיין רוה. ניט? וואַרום? אַנדערע לעבען אַזוי פֿריעדליך, טהון זייער אַרבייט, האָבען אַ פֿרוי און קינדער א.ז.וו. אמת, זיי קלאָגען זיך אויך אויף'ן לעבען, אָבער זיי זיינען טראָץ דעם גאַנץ צו־פֿריעדען און האָבען לוסט פֿאַר דיזע אָדער יענע זאַך... נאָר איך בין שטענ־דיג אונצופֿרידען .. איך פֿיהל אַזוי שווער אויף'ן האַרצען... וואָס איז די אורזאַכע פֿון מיינע שמערצען?"

„איצט פֿאַנגט ער גאָר אָן צו וויינען," האָט דער קראַנקער געזאָגט, „וועט עס דען בעסער ווערען, ווען דו הויבסט אָן צו קלאָגען?"

„דו ביזט גערעכט!" האָט קאָנאָוואַלאָוו איהם טרויעריג צוגעשטימט.

„איך רעד ניט פֿיל, נאָר וואָס איך זאָג, איז אימער ריכטיג!" האָט דער קראַנקער סעקפּטיקער געזאָגט מיט אַ שטאָלצען בעוואוסטזיין.

„לאָמיר שוין מעהר ניט רעדען וועגען דעם," האָט קאָנאָוואַלאָוו גע־זאָגט, זייענדיג אין כעס אויף זיך זעלבסט, „איך בין אַזוי געבוירען געוואָ־רען און מוז דאָס לעבען טראָגען ווי עס איז."

אָבער זיין פֿריינד האָט נאָך געפֿונען פֿאַר נויטיג צו זאָגען אַ פּאָר ווערטער:

„ברייננג דיין קאָפּ ניט אוניצליך אין געפֿאַהר, ווען דיין צייט וועט קומען, פּאַקט עס דיך גאַנץ פֿון זעלבסט, אויב דו וועסט וועלען אָדער ניט... פֿאָרלויפֿיג לעג זיך אַוועק און שוויינ... דאָס איז אַלעס."

ער האָט אָנגעפֿאַנגען שטאַרק צו הוסטען, זיין גאַנצער קערפּער האָט געציטערט און וויטהענד האָט ער אַריינגעשפּיגען און פֿייער. איבעראַל איז געווען שטיל און רוהיג, די נאַכט האָט בעדעקט די ערד ווי מיט אַ שוואַרצען שלייער. אויך דער הימעל איז יעצט געווען פֿינסטער, דען די לבנה איז נאָך

ניט געווען אויפֿגעגאַנגען. זאָגאַר דעם ים האָבען מיר מעהר ניט געזעהען, נאָר מיר האָבען געפֿיהלט זיין נאָהנטקייט. אַ שוואַרצער טומאַן האָט אויסגעפֿילט דעם ווייטען רוים... אונזער פֿייער האָט געהאַלטען ביים פֿערלעשען...

„קומט, לאָמיר זיך לעגען שלאָפֿען!" האָט דער קראַנקער בראָדיאַגע געזאָגט.

מיר זיינען אַריינגעקראָכען אין הייל און האָבען זיך אַוועקגעלייגט, אַרויסשטעקענדיג אונזערע קעפּ אין דרויסען. קאָנאָוואַלאָוו איז געבליבען ליגען ווי פֿערשטיינערט, אין דערזעלבער האַלטונג ווי ער האָט זיך אַוועקגעלעגט. דער קראַנקער האָט זיך אונרוהיג אַרומגעוואָרפֿען אויף זיין געלעגער און איך האָב געהערט ווי דער פֿיבער האָט געוואָרפֿען זיינע אַלטע גלידער, אַ לאַנגע צייט האָב איך געקוקט אויף דעם אויסגעהענדען פֿייער. צוערשט איז נאָך געווען אַ שטאַרקער גלוט, אָבער ביסלעכווייס איז עס געוואָרען שוואַכער און צולעצט איז דער לעצטער פֿונק פֿערשוואונדען געוואָרען אונטער דער ווייסער אַש. פֿון אונזער פֿייער איז מעהר ניט איבערגעבליבען ווי אַ וואַרעמער הויך. איך האָב נאָך אימער געקוקט אויף דעם ליידיגען פּלאַץ און האָב געזאָגט צו זיך אַליין:

„אַזוי איז מיט אונז אַלע... מיר פֿלאַקערען אַ ווײַלע ווי אַ פֿייערעל און פֿערלעשען זיך דאַן..."

שפּעטער מיט דריי טעג האָב איך זיך געזעגענט מיט קאָנאָוואַלאָוו'ן איך בין געגאַנגען נאָך קובאַן, ער האָט אַהין ניט געוואָלט מיטגעהען. נאָר מיר זיינען פֿעסט איבערצייגט געווען, אַז מיר וועלען זיך נאָך אַמאָל ערגעץ וואו בעגעגענען אין לעבען.

ליידער איז אונזער האָפֿנונג געווען אַ פֿאַלשע— — —

דער מענש

און זיין נשמה.



פרייז
אין
ענגלאנד
3
הייפענס

פרייז
אין
אמעריקא
3
סענט